ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שלחן ישראל כהלכתה

## חלק ב'
## הכנסת אורחים

אידיש

568

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# התוכן


| פרק | | עמוד |
|---|---|---|
| א | מצות הכנסת אורחים | ג |
| ב | מצות הכנסת אורחים | ד |
| ג | מצות הכנסת אורחים | ו |
| ד | הכנסת אורחים — סעודת מצוה | ז |
| ה | נאך פרטים פון הכנסת אורחים | ח |
| ו | ביטול תורה — וועגן חסד | יא |
| ז | נאכיאגן צו טאן חסד | יב |
| ח | העלפן תלמידי חכמים — איידעמער תלמידי חכמים | יז |
| ט | עטליכע וויכטיגע איינצעלהייטן וועגן הכנסת אורחים | יט |
| יא | דערפרייען ארימעלייט שבת און יו"ט און אנדערע צייטן | כג |
| | שבת קודש | כג |
| | עסען פארן ארימאן יו"ט | כז |
| | ראש השנה | כז |
| | פסח | כח |
| | שבועות | כט |
| | סוכות | ל |
| | עצה כללי | לא |
| | צדקה ערב שבועות | לא |
| | שמחת תורה | לב |
| | חנוכה | לב |
| | פורים | לב |
| | מילה, פדיון הבן, סעודת חתונה, סעודת בר מצוה, סעודת תנאים | לג |
| | סגולה פאר א ישועה | לג |
| | סגולה פאר גרינג האבן קינדער | לד |
| ענף ב | איבריגע רייד האלטן צוריק פון מצות | לד |
| יב | געקליבענע עצות, הדרכות מיט ערציילונגען פון די ספרים הקדושים | לו |
| יג | דיני דרך ארץ — וויאזוי דער בעל הבית זאל זיך פירן צום אורח | מ |

בעזרת השם יתברך

# ספר
# שלחן ישראל כהלכתה

## על הלכות
# הכנסת אורחים

## דיניו ומנהגיו


הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יהודה גראס**

אבדק"ק מגן שאול ד"האלמין" ור"מ בישיבה וכולל "בית ישעי"

מכון להוראה בשחיטות ובדיקות



ברוקלין נוא יארק - שנת תשמ"ז לפ"ק

יד וויאזוי דער אורח זאל זיך דער פירן ביים בעה"ב — — — — — מב
ענף ב' ווארענונג ביי הכנסת אורחים — — — — — — — — מו
ענף ג' געבן מפוקפקדיגע עסענוווארג — — — — — — — — מו
טו וועגן גיין צו א סעודת מצוה — — — — — — — — מז
א ענף א' באגלייטן אן אורח, חבר — — — — — — — — — נ
ענף ב' שכר פארן באגלייטן — — — — — — — — — — נא
ענף ג' הארבקייט פון נישט באגלייטן — — — — — — — — נב
ענף ד' דינים פון באגלייטן — שיעור פון באגלייטן — — — — — — נג
ב נאך פארשידענע סגולות פאר שמירה און הצלחה — — — — — נז
שליח מצוה געלט — — — — — — — — — — — נט
מיטנעמען צו פארן — — — — — — — — — — — ס
ב זמנים פון פארן א נסיעה — — — — — — — — — סא

בעזהי"ת

# ספר
# שולחן ישראל כהלכתה
# דיני הכנסת אורחים

## פרק א
## מצות הכנסת אורחים

א) פון אברהם אבינו לערנט מען זיך אפ אז מען זאל דערלאנגען דאס עסן ווי שנעלער, און אויב דאס מוז זיין דורך נעמען א העלפער זאל ער עס טאן און נישט מקפיד זיין דוקא אליין צו טאן אויפן חשבון פון אורח, (אגד"כ שם) אין אזא צייט זאל ער געבן דאס ביליגערע דורכ'ן שליח צ.ב.ש. וואסער, ווייל עס קען זיין א חשש אז ביי אנדערע זאכן וועט ער קארגן (שם).

ב) די שטאט מענטשן קענען צווינגען איינער דעם אנדערן אריינצו־נעמען אורחים (הר"ם, מרדכ"י, ש"ך רנ"ו סק"א).

ג) הכנסת אורחים קען אן ארימאן אויך מקיים זיין דורך געבן שלאפן פאר אורחים, און רוב זענען טאקע ארימעלייט ווייל די רייכע שוינען זייערע בעטן און שטיבער מען זאל עס נישט שמוציג מאכן (חסל"א).

ד) מען דארף רעדן ווייניג און טאן אסאך (חסל"א סי' ח').

ה) פון אברהם אבינו לערנט מען ארויס אז מען טאר נישט אויפהאלטן אן אורח אויב ער האט נישט קיין צייט (חסל"א סי' ח'), דער צדיק מהר"י מראדוויל פלעגט זאגן, פארוואס שטייט נישט בפירוש אין די תורה מען זאל מקיים זיין הכנסת אורחים, דאס איז דאך זייער א גרויסע מצוה? דער תירוץ איז ווייל דעמאלט וואלט מען נישט געלאזט דעם אורח גיין אפילו ער וואלט געשריגן מוחל טובות! ער האט נישט קיין צייט, און יעצט ווייזט די תורה אז נישט אייביג איז די מצוה אריינצושלעפן דעם אורח.

ו) מען דארף שנעל ברייט מאכן דאס עסן, און יעדע מאכל זאפארט ווי עס ווערט פערטיג צוברענגען (מדרש וירא, ב"מ, אהב"ח, חסל"א).

ז) מען דארף אויפנעמען די אורחים מיט גרויס פרייד, און נישט פאר־ציילן פאר זיי די אייגענע פראבלעמען, נאר אדרבה זיי אויסצוהערן און טרייסטן (אהב"ח, חסל"א).

ח) פאר'ן ארימאן דארף מען געבן דאס בעסטע עסן וואס ער האט אנגעגרייט צו די סעודה (רמב"ם ה' מת"ע, יור"ד רמ"ח סעי' ח') נישט ווי די וואס עסן בריוח און פאר'ן אורח קארגט מען.

ט) מען זאל נישט ברוגז זיין אויב דער ארימאן עסט מיט אפעטיט נאר אדרבה זיך פרייען (סי' ת"ש חסל"א).

י) אין ס' רמתים צופים ווערט געברענגט אז א גרויסער מכניס אורח האט אויפגעהערט געבן ברוינפן פאר א שיכור וואס האט זיך געוואלגערט אין די מיסטן און די פרנסה האט זיך אים אפגעשטעלט ווילאנג ער האט דאס פאראכטן (שם).

## פרק ב
## מצות הכנסת אורחים

א) ווען עס איז א יקרות דארף מען געבן פאר די אורחים מער צו עסן ווייל דעמאלט איז מען מער הינגעריג (חסל"א בשם מר"ם מרימענעוו זצ"ל).

ב) מען דארף ווייזן ווי דאס ביה"כ איז (שם).

ג) אויב דער אורח דערציילט עפעס אדער זאגט ד"ת כדי מקרב זיין די מענטשן צו זיך זיי זאלן אויך העלפן זאל מען אים נישט אפווענדן, ווייל דאס איז זייער א גרויס צער פאר'ן אורח, נאר אויסצוהערן דאס איז אויך א גמ"ח, דאס זעלבע ביי יעדן מענטש (חסל"א ס"ח).

ד) דער בעל בני יששכר שרייבט אז דערפאר האט שרה געהאט א באזו־נדער געצעלט ווייל ביי אברהם האבן זיך געדרייט שטענדיג אורחים, זאלן זיי נישט נכשל ווערן מיט הסתכלות (אגד"כ פ' וירא), כאטש ביי איר האט עס נישט געשאט (עי' זוה"ק פ' חיי).

ה) די מצוה פון הכנסת אורחים איז גלייכצייטיג א גרויסע סגולה געהאלפן צו ווערן מיט קינדער (תנחומא פ' תצא), אין דעם זכות פון הכנסת אורחים וועט דער באשעפער אים מיט זיינע קינדער ראטעווען פון אלע צרות (אהב"ח פ"א ח"ג).

ו) איידער מען ברענגט נאך צו עסן זאל מען מכבד זיין די אורחים זיך אראפצוזעצן אפרוען (שם פ"ב).

ז) מען דארף אליין באדינען דעם אורח און מחנך זיין די קליינע קינדער אויך אזוי (שם).

ח) עס שטייט אין זוה״ק אז עס איז א מצוה דאס דער בעה״ב זאל אליין אפשניידן ברויט פאר׳ן אורח כדי ער זאל זיך נישט שעמען (שם).

ט) מען טאר נישט קוקן אויף אים ווען ער עסט (או״ח ס׳ ק״ע, ואחרונים שם).

ט) מען זאל געבן פאר׳ן אורח דעם באקוועמסטע געלעגער, כדי ער זאל זיך גוט אויסרוען, אמאל איז נאך מער טובה פאר׳ן אורח דער געלעגער ווי דאס עסן (שם).

י) א אידענע וואס זאגט, זי קען נישט געבן פאר אן אורח נאר אויב זי קאכט און גרייט געהעריג צו פון פאראויס איז דאס בלויז קארגשאפט, דער עיקר מצוה איז צו לאזן דעם אורח צו וואס מען האט אין שטוב, און דאס זאל מען געבן מיט א גוט הארץ (באר מים חיים וירא).

יא) מען דארף זיך אויפשטעלן לכבוד די אורחים (שם).

יב) אויב עס קומט אן אורח זאלסטו אים נישט פרעגן אין לערנען זאכן, נאר אויב דו ביזט זיכער אז ער וועט וויסן צו ענטפערן (ס״ח שי״ב).

יג) דער בעה״ב זאל זיך נישט פירן פארן אורח מעד ווי די גרויסקייט פון אורח כדי דער אורח זאל נישט מקנא זיין דעם בעל הבית (קדושת לוי וירא, ד״ה והוא).

יד) עס טרעפט אמאל אז מען האט מורא צו רופן אן אורח ווייל מען האט נישט עפעס ממשות׳דיג מיט וואס מכבד צו זיין דעם אורח, דעמאלט אויב עס איז דא א צווייטער וואס קען אים יא מכבד זיין ווי געהעריג זאל יענער אים נעמען, אויב נישט, זאל ער אים געבן וואס ער האט (אהב״ח ח״ג פ״ב, ועי׳ לעיל או׳ י״א).

טו) כדי מקבל פנים זיין דעם אורח מעג מען זיין אויסגעדרייט מיט׳ן רוקן צום רבי׳ן (קול אלי׳ וירא).

טז) עטליכע מאל איז דער בעש״ט הק׳ געווען ביים נודע ביהודה, און איינגעשטאנען דארט, און דער נו״ב אליין פלעגט עוסק זיין אין הכנסת אורחים, און דערלאנגען טיי פאר׳ן בעש״ט, האט דער בעש״ט געזען אז דער נו״ב האט דורך אים ביטול תורה, האט ער אויפגעהערט איינשטיין ביי אים (בית רבי פכ״ח).

יז) עס געהער צו די מצוה ווי גרינגער צו מאכן פאר׳ן אורח דאס עסן און טרינקען (עי׳ אוה״ח חיי, ותאמר).

יח) דער אורח טאר נישט שפירן אז דער בעה״ב איילט זיך, ווייל דאס ברענגט דעם אורח צו עסן שנעל (עי׳ שם).

יט) אפילו אליין טאר מען נישט עסן איידער מען גיט פאר די בעלי חיים, אבער פאר אן אורח גיט מען פריער, (עי׳ א״ר קס״ז, ובתורת משה לחת״ס עה״ת פ׳ חיי).

כ) לויפן קעגן אן אורח מאכט ביים אורח דעם איינדרוק אז ער איז חשוב און צופרידנשטעלנד פאר׳ן בעל הבית (ספרוני פ׳ וירא), לויט טייל פוסקים איז א מצוה צו לויפן אפילו דארט ווי דער אורח באמערקט נאך נישט (שכנה״ג או״ח סי׳ ד) לויט אנדערע נאר פון דעם פלאץ וואס דער אורח זעט (א״ר שם, עי׳ אגד״כ פ׳ וירא דתלוי בפלוגתא דשם לענין תפלה, וכמו״כ הכא לענין אורחים, וע״כ כה״ם שם).

## פרק ג
## מצות הכנסת אורחים

א) מצות הכנסת אורחים גייט אן אויך ביי עשירים (ס׳ יש נוחלין בשם מהר״ל) נאר ביי ארימע־לייט איז מען מקיים דערביי צדקה אויך (ליקוטי מהר״ל, ס׳ החיים, אמרי ברוך יור״ד רמב״ב, אהב״ח ח״ג פ״א).

ב) דער טעם פארוואס מען זאגט נישט לשם יחוד פארן מקיים זיין די גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים, ווייל די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער ווי קבלת פני השכינה איז נישט שייך צו זאגן לשם יחוד (דגל מחנה אפרים, טעה״מ עניני ציצית).

ג) נאך א טעם קען זיין ווי די גמרא ברענגט ביי נחום איש גם זו (תענית) אז פון ווארטן אביסל איז דער ארימאן אויסגעגאנגען, און אזוי שטייט אין ש״ע רנ״א אז ווער עס קומט און בעט עסן גיט מען אים תיכף, דעריבער זאל מען טאקע געווארנט זיין און נישט מאכן צופיל הכנות פאר׳ן געבן, און די סברא איז זייער פשוט, ביי אן אנדערע מצוה וואס דער לשם יחוד שטערט נישט די מצוה, איז אדרבה זייער וויכטיג די הכנה למצוה, אבער ביי הכנסת אורחים ווי יענער ווארט נעבעך, הונגעריג, אומגעדולדיג, איז יעדע רגע הכנה מבטל די מצוה פון הכנסת אורחים ווייל די מצוה איז יענעם צו זעטיגן, און דא לאזט ער אים נאך הונגערן, ווילאנג ער ענדיגט מיט די הכנה.

## פרק ד
## הכנסת אורחים — סעודת מצוה

א) אורחים נכבדים וואס עסן ביי אים הייסט א סעודת מצוה, אבער ווען זיי זענען איינקוואטירט ביי א צווייטן און ער רופט זיי צו עסן איז שוין א ספק (דרישה תקט״ו).

ב) נאר ביי די צוויי אויבנדערמאנטע אופנים (אר׳ ז׳) ווערן זיי אנגערופן אורחים, אבער ווען ער לאדנט דעם חבר צו זיך אויף א מאלצייט הייסט ער נישט קיין אורח, און די סעודה איז א סעודת הרשות (ב״י ורמ״א של״ג ס״א) ווייל דער חבר וואוינט אין דעם זעלבן שטאט (הגר״ז), און אפילו דעמאלט אויב מען זאגט שירות ותשבחות הייסט עס א סעודת מצוה (שו״ת מהר״ם סי׳ תר״ה, א״ר אר׳ ה, כה״ח אר׳ ט״ז שם).

ג) אבער אויב דער חבר קומט עסן ביי אים לכבוד דעם אורח, הייסט ער אויך אן אורח (ט״ז, תו״ש, הגר״ז שם).

ד) אויב די אורחים האלטן בעפאר די סעודה הייסן זיי נישט ריכטיגע אורחים (או״ח של״ג אר׳ א׳, כה״ח י״ג).

ה) איבעראל ווי עס שטייט און ווערט דערמאנט ״כבוד אורחים״ מיינט מען אזעלכע וואס זענען ראוי צו באקומען כבוד, צ.ב.ש. תלמידי חכמים, אדער מענטשן וואס האבן א גוטן נאמען מיט זייערע גוטע מעשים, אדער אן ארימאן א קינד פון חשוב׳ע מענטשן, אדער עשירים וואס זענען ראוי מען זאל זיי מכבד זיין זיי טוען נישט קיין שלעכטס, אדער די סתם קבצנים, מיט ארחי פרחי וואס פארן ארום וועגן פרנסה הייסט צדקה וואס מען גיט זיי צו עסן, און נישט אין כלל פון אורחים (סולת למנחה כלל ט״ו צ״ג, כה״ם של״ג י״ד, נזר ישראל סי׳ כ״ח בלקוטי רמ״א, לקוטי מהרי״ל, אמרי ברוך יו״ד סי׳ רמ״ב, פמ״ג בפ״כ).

ו) די אלע אופנים פון אורחים זענען נאר אויף אזוי פיל אז דער וואס גיט זיי עסן טוט א מצוה, אבער די סעודה הייסט נישט קיין סעודת מצוה, (מ״א של״ג, מ״ב, ערוה״ש שם, ולשון כה״ח מגומגם כמבואר למעיין שם). עס איז דא אן איינצעלנע שיטה וואס האלט אז עס איז א סעודת מצוה (דרישה ה׳ יו״ט מובא לעיל אר׳ א, אבל להלכה סתימת האחרונים מוכח דלא קי״ל כן, לפי דברי הפוסקים אר׳ ה׳ דכ״מ שנזכר אורחים הכונה מכובדים, וא״כ גם בשל״ג מיירי מאורחים כאלו ועל אלו כתבו האחרונים דאינו סעודת מצוה, ודו״ק כי קצרתי)

ז) דער יוסף אומץ שרייבט ווען מען מאכט א סעודה לכבוד אן אורח חכם גדול ומובהק ומורינו וואס קומט אין שטאט הייסט עס א סעודת מצוה (שם קל״ד, יעב״ץ דיני בין המצרים), אויב דאס פאסירט אין די ניין טעג און דער אורח וועגן שוואכקייט דארף עסן פלייש, מעג דער בעה״ב מיטעסן מיט׳ן אורח פלייש און ווייז, און מען מעג אויך איינלאדענען אלע לומדים און חכמים פון שטאט מיט די עסן (יעב״ץ שם, בדוחק י״ל דגם כונת הדרישה לאורח כזה וצ״ע).

ח) עס איז דא ווער עס האלט אז ווען מען לאדענט דעם חבר ווייל ער איז א ת״ח הייסט עס אויך א סעודת מצוה (ערוה״ש של״ג ה׳, ומחברים נ׳ דס״ד דדי אם הסעודה נעשה בשביל שהוא ת״ח, וא״צ שיהא ג״כ חכם גדול מובהק ומומחה כד׳ הפוסקים לעיל חו׳ ז׳, ע״ש), אין די גמרא שטייט אויב מען גיט עסן און טרינקען מיט קוואטיר פאר א ת״ח איז פונקט ווי ער וואלט מקריב געווען תמידין (ברכות דף י׳) און ווער עס וויל נישט מהנה זיין א ת״ח איז זיין שטראף גרויס (סנהדרין צ״ב, אהב״ח ח״ג פ״א), דער וואס נעמט אריין א ת״ח און גיט אים צו עסן און טרינקען וועט זוכה זיין צו אלע ברכות (ברכות ס״ג.), נאך געפינען מיר אז דער וואס וויל היינט מקיים זיין די מצוה פון נסכים זאל ער געבן פאר א ת״ח טרינקען ווייל (יומא ע״א.).

ט) עס איז דא אזעלכע וואס האלטן אז ווען חברים עסן צוזאמען הייסט עס הכנסת אורחים, און פאר ארימע־לייט הייסט עס צדקה (ס׳ החיים לאחי המהר״ל, הק׳ לס׳ חסד לאברהם על משניות זרעים, ס׳ שערי האמונה, אלף המגן דיני קדיש יתום, וע״ע שצ״ח בזה), פון דארט נעמט זיך דער מנהג צו מאכן א סעודה אין טאג פון יא״צ, און אפילו אן ארימאן גיט לכה״פ תיקון (שם).

י) דער שפאלער זיידע זצ״ל האט געזאגט אז דאס הייסט ריכטיג צדקה ווען מען גיט פאר׳ן חבר עפעס צו טרינקען, ווייל מיט דעם שטארקט ער דאס הארץ פון עס קערט צוריק דעם זעל (ס׳ שערי האמונה בשם חותנו ששמעו מפיו הק׳ זי״ע).

## פרק ה
## נאך פרטים פון הכנסת אורחים

א) ווען עס קומען אן אורחים זאל מען תיכף לייגן צו עסן ווייל דער ארימאן קען זיין הונגעריג און ער שעמט זיך צו בעטן (אהב״ח מ״ג פ״ב).

ב) מען דארף פריער געבן עסן פאר א הונגעריגן ווי ליידער פאר דעם וואס האט נישט (ב"ב ט'. יו"ד רנ"א ז').

ג) א מאן און א פרוי וואס קומען בעטן עסן איז א פרוי פריער (שם סעי' ח' ועי' ש"ך שם).

ד) דער וואס בעט עסן, טוט מען אים נישט פארשטן אויב ער איז א ליגנער, נאר מען גיט אים תיכף (שם י').

ה) מען זאל נישט פרעגן ביי די בעל הבית'טע אויב זי קען נעמען אן אורח (ש"ח, חסל"א ס' ח'), און אפילו עס ווערט דורך דעם א מחלוקת זאל ער נישט קוקן אויף דעם (שם), דאס זעלבע ביי צדקה און גמ"ח (שם), דעריבער אזוי ווי עס טרעפט זיך ביי טייל מענטשן אז אין שטוב וויל מען נישט מסכים זיין אויף א געוויסן חסד, זאל ער נישט פרעגן און מאכן בסוד (מש"ב).

ו) עס איז וויכטיג ער זאל זאגן אין שטוב אז זי זאל נישט צופיל גרייטן פאר'ן אורח, ווייל דורכדעם וועט זי גרינגער מסכים זיין צו אורחים, ווי דער פאקט ווייזט אז די סיבה פארוואס די אידענעס זענען נישט מסכים צו אורחים ווייל זיי מיינען אז מען מוז אנגרייטן עפעס מער ווי אלגעמיין (שם).

ז) עס איז דא מדקדקים וואס אויב זיי שפירן אז זיי קענען נישט פועל'ן צוליב דעם טעם מען זאל אריינעמען געסט, פירן זיי זיך אליין צוצוגרייטן פאר'ן אורח און דעמאלט איז שוין יעדער זיכער מסכים, מען קען באמערקן פאר די אידענע אז איר שכר איז לויט וויפיל כח זי טוט צושטייער געבן לכבוד דעם אורח, ווייל דער עצם שכר איז מורא'דיג גרויס.

ח) מען זאל נישט פרעגן א גאסט וועלכער האט איבערגעלאזט עסן, פארוואס ער האט נישט געגעסן? אויב ער גייט שוין בענטשן, נאר בשעת ער איז נאך ביים עסן זאל ער אים מזרז זיין צו עסן געהעריג (חסל"א סי' ח').

ט) מען זאל נישט פרעגן אן אורח ווי ער האט געגעסן שבת אדער געשלאפן? נאר פאראויס פדעגן ווי ער גייט יעצט עסן, שלאפן (שם).

י) מען זאל זיך משתדל זיין צו האבן אן אורחים שטיבל (אהב"ח, ושם).

יא) מען דארף זייער געווארנט זיין צו געבן פאר ארימעלייט צו עסן ווען מען מאכט א שמחה כדי עס זאל נישט זיין ח"ו קיין קטרוג (עי' מדרש רבה פ' וירא, וסנהדרין פ"ט: ומעיל צדקה או תח"י באורך).

יב) דער עיקר זאל מען געבן פאר'ן אורח אסאך פון דאס וואס זעטיגט, ווייל רוב מאל איז ער שטארק אויסגעהונגערט פון נישט עסן א לענגערע צייט, און פון דעם וואס מען גיט אים אביסל פון א געשמאקן געקעכטס ווערט ער נישט זאט, נאר מער הונגעריג (שם).

יג) דער זוה"ק זאגט ארויס זייער א הארבן שטראף פאר די וואס געבן נישט צו עסן יו"ט פאר אן ארימאן (מ"א תקכ"ט בשם זוה"ק, מ"ב, כה"ח, ח"א, ועוד), אויך זאל מען געדענקען צוזאמען נעמען געלט בעפאר יו"ט פאר די ארימעלייט וואס זיצן אין שטוב, און האבן נישט וואס צו עסן (עי' מ"ב שם).

יד) אויב איינער האט בקביעות אן אורחים שטיבל צו געבן עסן און טרינקען פאר יעדן באדערפטיגן, זאל ער באשטימען ארימעלייט פאר איינגעשטעלטע, וואס זיי שפירן דעם צער פון ארימאן, אבער נישט אזעלכע מענטשן וואס האבן נישט געשפירט דעם ביטערן זויערן טעם פון הונגערן וואס פירן זיך מיט שטאלץ קעגן ארימעלייט (ס' חסדי אבות).

טו) דער מקור און סדר מיט הדרכה וואס און ווי אזוי אויפצונעמען און מכבד זיין געסט, לערנען מיר זיך אפ פון אברהם אבינו ע"ה וואס איז דער עמוד ויסוד פון חסד (אהב"ח לח"ח, וכן בשאר ספה"ק), דער גאון וקדוש רב שר שלום מבעלזא זי"ע גיט צו פארשטיין פארוואס ביי אברהם אבינו מיט די מלאכים שטייט קודם "נצבים עליו" נאכדעם "וירץ לקראתם" צום סוף "והוא עומד עליהם". ווייל איידער אאע"ה האט מקיים געווען די מצוה זענען די מלאכים געווען גרעסער און חשוב'ער פון אברהם, וועגן דעם שטייט "עליו" תיכף ווי ער האט אנגעהויבן מיט די מצוה און געלאפן אריינ־ברענגען די מלאכים איז ער שוין געווען אין די מדריגה פון א מלאך וועגן דעם שטייט לקראתם ער האט זיך פארמאסטן מיט זיי, נאכדעם וואס ער האט מקיים געווען די מצוה בשלימות איז ער געווען העכער ווי די מדריגה פון מלאכים דערפאר שטייט עומד "עליהם".

טז) דער וואס שטיפט אוועק דעם ארימאן און גיט אים נישט צו עסן איז פונקט ווי ער וואלט זיין בלוט פארגאסן (תענית, עובדא דנחום איש גם זו, סוטה מ"ו).

יז) ווען מען גיט צו עסן פאר אן ארימאן זאל מען נישט איבערשמועסן זיינע צרות און פראבלעמען מיט אים, ווייל דאס נעמט אים אוועק דעם אפעטיט (אויסער ווען עס איז קענטליך אז דער ארימאן אליין וויל זיך אראפרעדן פון הארץ) און דאס גאנצע עסן איז שוין געצווינגען (עי' היטב ש"ס גיטין ס"ת, מדרש משלי עה"כ טוב ארוחת ירק ואהבה).

יח) אין טעמי המנהגים ברענגט ער פון ר׳ לייזער ז״ל וואס ער איז געווען א גרויסער מענטש, דאס ווען מען האט אים אויפמערקזאם געמאכט פארוואס ער אליין איז זיך מטפל מיט די אורחים צו מאכן די געלעגער, פלעגט ער ענטפערן נישט פאר דיר ״בעט״ איך נאר פאר מיר, אויף עולם הבא, ע״כ, גוטע אידן פלעגן זאגן, ווילסטו באזארגן דיין עוה״ב, באזארג יענעם עוה״ז.

## פרק ו
## ביטול תורה — וועגן חסד

א) די גמרא דערציילט פון בנימין הצדיק וואס האט אויסגעהאלטן א פרוי מיט אירע זיבן קינדער אין א הונגער יאר, האט מען אים געשאנקען דערפאר נאך 22 יאר צום לעבן (ב״ב פ״א).

ב) ווען איינער לערנט און איינער קומט בעטן א חסד וואס שטערט אים פון לערנען, עס קען אבער נישט געטאן ווערן דורך א צווייטן, זאל ער מבטל זיין פון לערנען צוליב די מצוה (אהב״ח ח״א פ״ג), דער חיד״א טייטשט אויס די באקאנטע מאמר חז״ל (ברכות ה׳.) אויב איינער האט יסורים און טרעפט נישט אויף וואס אנצוהענגען זאל ער עס אנהענגען אז מסתמא איז געווען ביי אים די עבירה פון ביטול תורה, דערויף פרעגן אלע מפרשים, נו! אויב אזוי וויאזוי אייגנטליך האט ער נישט געטראפן קיין עבירה, עס איז דאך דא ביטול תורה? ענטפערט דער חיד״א ז״ל: אז דער פשט אין די גמרא איז פארקערט, אמאל טרעפט זיך אז עס קומט אויס א טובה צו טאן פאר א איד, און עס גלוסט זיך נישט אוועקצורייסן פון בלעטל גמרא, צוליב איר זיסקייט און תענוג, מיט׳ן באקאנטן אויסרייד ״ביטול תורה״ אבער אין דערווירקליכקייט פסק׳ענען מיר (מו״ק ט. ירושלמי פסחים פ״ג, אבות פ״ב מ״ה, קידושין מ׳, ירושלמי פאה פ״א, מד״ת נ״ב ו׳ יו״ד רמ״ו י״ח), אז א מצוה וואס קען נישט געטאן ווערן דורך א צווייטן איז מען מחויב מבטל זיין אפילו פון לערנען ביזן ענדיגן די מצוה, און דאס מיינט די גמרא פירט אויס דער חיד״א, ער זאל אנהענגען ״די יסורים״ אויף די עבירה פון נישט ווען מבטל זיין פון לערנען צוליב טאן א מצוה, און די עבירה האט ער פריער נישט געטראפן ווייל ער רעדט זיך גאר איין אז ער האט געדארפט אזוי טאן (ע״ש בדה״ק המתוקים מנופת צופים).

ג) מיט דעם קען אויך זיין די פשט וואס די גמרא זאגט אז הכנסת אורחים איז העכער ווי מקבל זיין פני השכינה, ווייל דער רמב״ם פסק׳נט (ה׳ תשובה פ״י) אז די העכסטע מדריגה פון תלמוד תורה איז ווען די כוונה פון לערנער איז צו לערנען נאר וועגן ליבשאפט צום באשעפער, דעריבער

לערנען אונז די חז"ל אז הכנסת אורחים שטייט העכער פון דעם (בדרך אגדה, ואפשר).

ד) גלייכצייטיג מוזן מיר באדויערן דאס גלייכגילטיגקייט פון טייל מענטשן מקיים צו זיין געוויסע מצות צוליב דעם אויסרייד פון ביטול תורה, מיר ווען אננעמען א ביישפיל, עס זענען דא אזעלכע שטובער ווי די אידענע וואלט געבאקן היימישע חלות אין שטוב לכבוד שבת און יו"ט, ווי די הלכה איז (עי' רמ"ב בש"ע וכל אחרונים בלי יוצא מן הכלל, וכן ביו"ט בסי' תקכ"ט ואחרונים), מיט'ן באדינג אז דער מאן זאל צוקנעטן, אדער טאן עפעס אנדערש אין דער צייט, קומט דער צבוע (שוחט חייב משום צובע) און זאגט אין הימל איז חשוב'ער א שטיקל גמרא, אין דער צייט, און א פאטש געטאן מיט'ן גאנצן געשעפט.

ה) נאך א ביישפיל, די אידענע טרעפט נישט צו קויפן געהעריגע קליידער בצניעות, לאנג, נישט רויט, א.ד.ג. וויל זי נייען אליין, אבער דער מאן זאל איר בייהילפיג זיין, הייבט זיך אן דרייען אין מוח חשבונות פון ביטול תורה.

ו) מיר געפינען ווי די חז"ל זאגן אז דער וואס איז עוסק אין תורה מיט גמילות חסדים איז מען אים מוחל זיינע זינד (ברכות ה', וע"ע שם ח, שבת ל. יומא ע"ב:), מיר געפינען אויך אז דארט ווי תורה מיט גמילות חסדים הארמאנירן צוזאם ברענגט דאס מער אריכות ימים ווי איינער וואס לערנט נאר תורה (ר"ה י"ח.), דער וואס זאגט אז ער האט נאר תורה, האט ער תורה אויך נישט (יבמות ק"ט. וע"ע ב"ק י"ז. חגיגה ג: ירושלמי חגיגה שם, סוטה יד. ע"ז ה' ע"א).

ז) א צווייט פלאץ געפינען מיר ווי די חז"ל דרוקן זיך אויס גאר שארף איבער איינעם וואס לערנט נאר תורה, אז ער איז גלייך ווי ער האט נישט קיין באשעפער (ע"ז י"ז:).

ח) נאכדעם איז דאך באוואוסט די משנה אין אבות (אבות א, ב) אז די תורה שטייט אויף דריי זאכן תורה, עבודה, גמ"ח, ע"כ (וע"ע ש"ר ל, יט, ויק"ר ל, יא, אותיות דר"ע, ועוד הרבה ואכ"מ).

## פרק ז
## נאכיאגן צו טאן חסד

א) אויב עס קומען גאר בכבוד'יגע געסט כאטש עס איז דא אין שטוב ווער עס זאל זיי אויפנעמען ווי עס פאסט, איז גלייך אז ער אליין זאל זיי באדינען, אפילו ער דארף אויפשטיין פון לערנען (אהב"ח ח"ג פ"א, חסל"א א' ועי' ילקוט ראובני פ' וירא בשם פליאה כעי"ז).

ב) ווען איינער מאכט חתונה א זון זאל ער זיך אינטערעסירן אויב זי האט ליב צו טאן חסד, ווייל די הויפט הילף צו טאן אדער נישט טאן חסד, בפרט הכנסת אורחים, איז פון די פרוי, און דעריבער זאל יעדער איינפלאנצן די טייערע מדה פון טאן טובות ביי זיך אין שטוב מיט פארשידענע דער־ציילונגען (חסל״א סי׳ א), עס איז גוט באוואוסט דאס גרויסקייט פון הצה״ק מוהר״ר ישעי׳לע קערעסטירער זי״ע, וואס מען דערציילט וואונדערליכע זאכן וועגן זיין גרויסקייט אין הכנסת אורחים וואס ער פלעגט ארומגיין טיילן לעקיך ראש השנה פאר תקיעת שופר, זאגנדיג דערביי אז אלע רבי׳ס האבן אינזינען אין אזא צייט הויכע סודות, און ער האט אינזינען מען זאל האבן עסן צו זעט, אין א העכערע הסברה איז אזוי: אנדערע רביים זענען זיך עוסק יעצט אין רזין דרזין און איך ישעי׳ בין עוסק אין לשובע ולא לרזין וד״ל, און כידוע האט ער פארציילט פאר הגה״ק מהר״ב מגארליץ זצ״ל אז ער מיט זיין רביצין זענען א סאך מאל אויף ביינאכט אנצוגרייטן עסן, און זיי שיילן אליין ערד־עפל אפצוקאכן פאר די געסט.

עס שטייט אויף הר״ר אליעזר דער פאטער פון בעש״ט הק׳ אז דורכן זכות פון הכנסת אורחים האט ער זוכה געווען אראפצוברענגען אזא גרויס ליכט־זייל וואס באלייכט אונז דעם וועג ביז צום היינטיגן טאג (חסל״א סי׳ ג).

ג) יעדער מענטש דארף מדריך זיין און מחנך זיין זיינע זין און טעכטער צו טאן חסד, און טובות פאר יעדן איד, און אנצוזאגן אז זיי זאלן זייערע קינדער אויך אזוי מחנך זיין (חסל״א סי׳ א׳), דאס זעלבע זאגן די ספה״ק ביי אלע מצות אז מען דארף ערציען די קינדער אויף דעם אז זיי זאלן די זעלבע זאכן לערנען מיט זייערע קינדער.

ד) גמ״ח האט נישט קיין שיעור אפילו הונדערט מאל אין זעלבן טאג, פאר׳ן זעלבן מענטש (אהב״ח ח״א פ״א, חסל״א ו׳).

ה) עס שטייט מה ה׳ דורש ממך וגו׳ אהבת חסד, דאס באדייט אז די טובה וואס מען טוט פאר יענעם טאר נישט זיין צוליב דעם ווייל מען קען יענעם נישט אפזאגן נאר מען זאל ליב האבן צו טאן טובות, און שטענדיג נאכיאגן מיט׳ן גאנצן כח צו טאן טובות אפילו מען פארלאנגט דאס נישט פון אים, און סאך מער ווי דער פליכט איז, מיט איילעניש און געשיקטקייט שנעלער ווי ווען מען טוט די אייגענע געברויכן (ברכ״י ה׳ צדקה, אהב״ח ח״ב פ״א, חסל״א סי׳ א׳).

און אזוי דערציילט דער פסוק האט זיך געפירט מרדכי הצדיק (כמבואר באבן עזרא סוף מגילת אסתר, ע״ש), אויסהערן פון יענעם א_דערציילונג, כאטש עס איז נישט וויכטיג און מען הערט עס זייער נישט גערן, איז אויך א גמ״ח (זכרון זאת להגה״ק מלובלין זי״ע).

ו) דער ביישפיל פון דעם קען זיין ביי יעדע קלייניקייט, מען זיצט ביי א טיש און איינער וויל עפעס נעמען און דערגרייכט עס נישט, דארף מען נישט ווארטן ווילאנג יענער בעט עס.

אדער מען ווייסט אַז עס זענען דא מענטשן וואס וואלטן גערן באַ־שטאנען צו האבן א טרונק וואסער ברענגט מען צו אן פארלאנגען.

לאכן אויף אן אומגעלונגענעם ווערטל איז אויך א גמ״ח (חכמי המוסר).

ז) אויב מען טרעפט א פרעמדן איד אין ביהמ״ד וואס עס דאכט זיך צו אז ער האט נישט וואו צו עסן דארף מען נישט ווארטן ווילאנג ער בעט ווייל טיילמאל שעמט מען זיך, נאר מען לאדענט יענעם צום עסן אדער שלאפן, דער עיקר מצוה פון הכנסת אורחים איז צו ווייזן א פריילין פנים און פרעגן וואס ער וויל און וואס ער זוכט, ווי דער מדרש דערציילט (פ׳ וירא) אז אברהם אבינו ע״ה פלעגט פרעגן יעדן אורח וואס ווילסטו? וואס דארפסטו? וואס ווילסטו עסן? (שלחה״ט שער הכנ״א).

ח) נאך א ביישפיל, די אידענע וויל אליין צוגרייטן עסן פאר די קליינע קינדער, נישט צו מוזן אנקומען צו פרעמדע טישן מיט אלע מיני דזשאַרס און איינשטעלן דעם גייסטיגן צוקונפט פונ׳ם קינד, אבער זי דארף דעם הילף פונ׳ם מאן, וואס איז נישט גרייט אויף ביטול תורה, זאלן די אלע נישט פאר־געסן אז דאס איז שלא עפ״י תורה (כמבואר במקורות הנ״ל) און ווי דער חיד״א זאגט אז צוליב דעם קען מען ברענגען אויף זיך יסורים.

ט) דער גאון וצדיק ר׳ חיים סופר זצ״ל [וואס הגה״ק מרן מצאנז זצ״ל האט געזאגט אויף אים אז דער וואס איז מהרהר אין זיינע ווערטער איז ווי איינער איז מהרהר נאך די שכינה], (עי׳ ס׳ ק״ן סופר, ותולדות סופרים, תולדות ומכתבי הגר״ח סופר זצ״ל שנדפסו ע״י בני הגאון ז״ל) שרייבט צו מאורן ורבן של ישראל מוהר״ר יוסף שאול נאטאנזאהן זצ״ל, אז דער וואס האט שוין טועם געווען דעם זיסן טעם פון תורה, איז נישט קיין קונץ צו זיצן טעג און נעכט ביים לערנען, וויאזוי פרובט השי״ת די ת״ח וצדיקים, דורך דעם וואס ער שיקט זיי צו א מצוה וואס עס נויטיגט זיך דערצו מבטל צו זיין פון לערנען און אויב ער שטעלט אוועק דאס לערנען וואס ער איז צוגעבינדן

צו איר מיטן גאנצן לייב און לעבן, און גייט אויפטאן פאר השי״ת וועגן, נישט קיין חילוק וואס פאר א מצוה דאס איז, כ״ש נאך ווען עס איז א מצוה דרבים, איז ער בייגעשטאנען דעם נסיון, ע״כ (עי׳ תולדות סופרים הנ״ל דף...).

י) שטעלט אייך פאר ווען די גדולים וקדושים פאר איבער הונדערט יאר צוריק אין די צייטן פון קאנגרעס וואס די רעפארמער האבן אנגעפירט, וואלטן זיך איינגעשלאסן אין די שטובער און געזאגט ביטול תורה, ווי וואלט איר היינט געטראפן אן ערליכן איד???

יא) דאס זעלבע מיט אלע לוחמים פון יעדן דור, וואס האבן געקעמפט קעגן ערב רב, ווי אזוי וואלט דאס דור אויסגעזען אן דעם, ווי די חז״ל זאגן אויף מערערע פלעצער אז תורה און מעשים זענען געקניפט און געבינדן און איינס אהן דעם צווייטן איז גארנישט, ווייל דער עיקר צוועק פון לערנען תורה איז קיום המצות (ברכות י״ז, שבת ל״א:).

יב) דאס זעלבע מיט סתם ארימע לייט איז נישט נאר א מצוה צו שטיצן די וואס פארן ארום נאך געלט נאר אפילו די וואס לעבן אין גרויס נויט און ארימקייט דארף מען אויך ארויסהעלפן, און אומגעקערט, אַזעלכע דארף מען נאך מער העלפן ווייל קיינער ווייסט נישט פון זיי, און דערפאר העלפט זיי קיינער נישט, אינטערעסאנט איז אבער אז מענטשן געווענליך שטיצן די ארימע לייט וואס בעטן, און אויב נישט, פאלט נישט איין צו העלפן מיטן גרייזיגן איינרעדעניש אז מסתמא איז נישט אזוי וויכטיג פאר יענעם די שטיצע והא ראי׳ ער פארלאנגט עס נישט.

יד) וויסן זאלט איר אבער אז דאס איז א פאלשע טעות וואס ברענגט ליידער שלעכטע רעזולטאטן עס געפונען זיך ליידער היינט צו טאג אסאך שטובער וואס זענען פארפליכטעט צו נעמען צדקה, און נאר מחמת בושה שטרעקן זיי נישט א האנט צו פרעמדע, אבער דאס טוט ליידער נאך נישט ענדערן דעם פאקט אז זיי ברויכן נויטיגע שטיצע.

ע״כ די אלע וואס וויסן פון אזעלכע ארימע לייט זענען מחויב אליין בייהילפיג זיין און טאן אויך ביי אנדערע, ווייל יענער איז א ביישן טאר מען אים נאך נישט לאזן הונגערן אדער אפגעפרוירן ווערן.

און דאס דערציילט מען נאך פון הגה״ק רבן של ישראל מוהר״ר משה ליב מסאסוב זצ״ל לויט ווי זיין תלמיד הגה״ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זאגט עדות, ווי אזוי זיין רבי האט געפראוועט חצות, אויפזוכנדיג אלע

ארימע שטובער און צובראכן פאר זיי האלץ און ער פלעגט גוט אנווארימען דעם שטוב, ווייל חצות איז דאך צו קלאגן אויף די ליידן פון די שכינה הקדושה, און דער רמב"ם פסק'נט (ה' מגילה) אז עס עקזיסטירט נישט ביי השי"ת א גרעסערע פרייד ווי צו דערפרייען די הערצער פון ארימעלייט אלמנות און יתומים.

טו) און מערקווירדיג איז אז צווישן די אכט מעלות וואס דער רמב"ם רעכנט אויס ביים געבן צדקה פאר ארימעלייט, איז די מעלה צו געבן צדקה פאר ארימעלייט בעפאר זיי בעטן, נאך פיל גרעסער ווי נאכדעם וואס דער ארימאן האט געבעטן, פארקערט פון די וועלט פירונג (עי' רמב"ם ה' מתנות ענף פ' ויו"ד רמ"ט סעי' י').

טז) עס טאר נישט גרינג זיין אין מענטשנס אויגן אפילו א קליינע גמילות חסד צו טאן, ווי צ.ב.ש. וועקסלען א מטבע (ס' הברית), און עס ווערט געברענגט אין די ספרים אז א גרויסער ת"ח איז געשטראפט געווארן ווייל ער איז נישט אויפגעשטאנען פון בעט צו עפענען די טיר פאר א שכן א שניידער וואס האט געוואלט אנצינדן זיין ליכט ביי אים ער זאל קענען ארבעטן (ס' הברית, חסל"א סי' א').

יז) מען דארף זייער אכטונג געבן ווען מען נעמט א גאסט מען זאל אים געבן באלד צו עסן, בפרט פרייטיג צונאכטס דארפן די לומדים און חסידים געווארנט זיין נישט אויפצוהאלטן די געסט ביז זיי ענדיגן זייערע שיעורים אין תורה אדער חסידות, ווייל געווענליך איז דער ארימאן אין אזא צייט זייער הונגעריג, און דאס ווארטן איז אים א גרויס צער, און אויף יעדע רגע וואס ער איז אים מצער וועט ער מוזן אפגעבן דין וחשבון און עס וואלט שוין בעסער געווען ער זאל נישט נעמען דעם אורח, און א צווייטער זאל אים נעמען.

דעריבער אויב איינער וויל נעמען אן אורח זאל ער זען צו מאכן די סעודה תיכף נאכן דאווענען, און אויב צוליב געוויסע אורזאכן קען ער דאס נישט טאן זאל ער כאטש אנגרייטן דעם טיש פאר די געסט און ער זאל זיי הייסן קידוש מאכן און עסן אן אים (מסל"א סי' ב').

יח) דער וואס גיט פאר ארימעלייט און טוט נישט שטארק קאנטראלירן אויב זיי זענען ערליכע אדער נישט, טוט מען אים פון הימל אויך משפיע זיין און מען קוקט נישט אויב ער איז ראוי דערצו (ברית עולם על ס' חסידים להחיד"א, חסל"א סי' ג'), מען טאר זיך נישט אומקוקן אפילו די ארימעלייט

זענען נישט חשוב'ע מענטשן נאר טיילן עסן'ס פאר יעדן, און דעמאלט וועט נישט שולט זיין קיין שום קטרוג (שלחן הטהור שער הכנ"א).

יט) און אמאל טרעפט זיך אז א איד דארף א ישועה און ער איז נישט ראוי דערצו פירט מען אים צו פון הימל א מענטש וואס איז נישט ווערט מען זאל אים העלפן, און דורכדעם וואס ער שטרענגט זיך אן און העלפט יענעם, העלפט מען אים אויך מדה כנגד מדה, (בשם ס' צמח דוד, חסל"א סי' ג').

## פרק ח

### העלפן תלמידי חכמים — איידעמער תלמידי חכמים

א) און ווער שמועסט נאך ווען עס האנדלט זיך פון מהנה זיין ת"ח ביי דעם איז דאך דער שכר גאר געוואלטיג גרויס אויך אויף דער וועלט, ווי די חז"ל זאגן (ברכות ל"ד:) אז די צוזאגן פון אלע ספרי נביאים איז פאר די וואס זענען מהנה ת"ח, און ער איז זוכה צו זיצן אין די ישיבה של מעלה (פסחים נג:) און אויסער די מצוה פון חסד איז מען מקיים די מצוה פון לדבקה בו (כתובות קיא:).

ב) ווייטער זאגן די חז"ל אז דער וואס קארגט אויף די וועלט צו שטיצן ת"ח, וועלן זיינע אויגן פארדרייכערט ווערן אויף יענע וועלט (ב"ב ע"ה.).

ג) דער וואס איז נישט מהנה א ת"ח פון זיין פארמעגן וועט קיינמאל נישט זען קיין סימן ברכה (סנהדרין צ"ב).

ד) א ממזר ת"ח איז העכער ווי א כהן גדול עם הארץ (הוריות י"ג).

ה) דער וואס באריַרט דעם ת"ח איז פונקט ווי ער וואלט באריַרט כביכול די שכינה (מדרש זוטא קהלת ט').

ו) א מענטש זאל מערן זיינע סעודות מיט תלמידי חכמים (תדבא"ר י"ב, דמב"ם ה' ת"ת).

ז) דער וואס האט געלערנט תורה אליין און מיט אנדערע און מקיים געווען אידע מצות, און האט געהאט די מעגליכקייט צו שטיצן תורה און האט נישט געשטיצט איז ער אינ'ם כלל פון ארור אשר לא יקום וגו' (קהלת רבה ז, כג), און ווען זיי שטיצן תורה איז זייער שכר מער ווי אנדערע וואס טוען אזוי (דמשק אליעזר יתרו).

ח) אויב די ווילסט טאן צדקה טו עס מיט די וואס לערנען תורה (קה"ר יא, א).

ט) וואויל איז פאר די וואס זענען מכבד בעלי תורה (מד"ת בראשית א) דער עיקר צדקה דארף זיין פאר לומדי תורה, ווייל אויף איינמאל איז מען מקיים מערערע מצות, צדקה, העלפן ת"ח, מרביץ תורה, מכבד די תורה, און דורכדעם וועט דער שכר זיין געוואלדיג גרויס (עבודת הקודש סי' א, אות ט"ו).

י) די אלע גרויסע באלוינונגען ווערן אויך געגעבן פאר די וואס לאזן זיך קאסטן חתונה צו מאכן די קינדער מיט תלמידי חכמים (ברכות ל"ד:, כתובות קי"א:, ושאר הנ"ל), און דאס איז טאקע איינס פון די בעסטע געלעגנהייטן זוכה צו זיין צו דעם געוואלדיגן שכר פון שטיצן תורה און תלמידי חכמים, דורכן חתונה מאכן די קינדער צו תלמידי חכמים וואס האלטן אמת'דיג ביים לערנען בהתמדה און זיי שטיצן.

יא) דער וואס שטיצט א ת"ח מעג אינזינען האבן כדי צו באקומען שכר (דמשק אליעזר פ' יתרו).

יב) אין זכות פון תורה איז מען זוכה צו אלע ברכות אויך אויף דער וועלט (אור חדש קידושין ל"ט ע"א).

יג) דער וואס נעמט אויף אן אורח א ת"ח איז זיין שכר זייער גרויס (במדבר רבה כ"ג).

*יג) עס שטייט אין מדרש אז דער וואס גיט צו עסן פאר א צדיק איז פונקט ווי ער וואלט מקיים געווען די גאנצע תורה, און איז זוכה צו רוח הקודש, עס איז א גרויסע סגולה צו קינדער האבן, און אלע ישועות, אסאך זענען שוין געהאלפן געווארן דורך דעם, מיט קינדער ת"ח און גדולים, און מיט גרויס רייכקייט אויף דורי דורות (חסל"א סי' ח' בשם המדרש).

יד) דער וואס נעמט אריין אן אורח און גיט אים צו עסן און טרינקען איז פונקט ווי ער וואלט געטאן חסד מיט'ן גאנצן כלל ישראל (מדרש שמואל י"ח).

טו) עס איז דא א צדיק וואס וועגט אזוי פיל ווי אלע אידן צוזאם, און דער וואס טוט אים מהנה זיין איז פונקט די זעלבע ווי מהנה זיין הונדערטער טויזנטער פשוט'ע מענטשן, און זיי ווערן זיך שוחד'לן פאר אים לעתיד ארויסצוראטעווען פון גיהנם און זיין חלק זאל זיין מיט זיי אין גן עדן (חסל"א סי' ג' ד').

## פרק ט
## עטליכע וויכטיגע איינצעלהייטן וועגן הכנסת אורחים

א) דאס עסן וואס מען גיט פארן ארימאן זאל זיין פונ׳ם בעסטן און זיסטן (יו״ד רמ״ח ואחרונים וזוה״ק ח״ג ק״ד, ס׳ תולעת יעקב סוד ברכת הנהנין).

ב) א גרויסער וויכטיגער כלל איז דא ביי הכנסת אורחים מען זאל נישט פארנוצן די כחות אויב עס פעלט נישט אויס צ.ב.ש. מען זאל נישט נעמען דוקא אליין אלע אורחים, נאר משתדל זיין אז אנדערע זאלן אויך נעמען, ווייל וואס איז דען א נפקא מינה פאר׳ן באשעפער אויב ער טוט אדער אנדערע, ענדערש זאל מען שפארן די אייגענע כוחות אויף א צייט וואס אנדערע וועלן נישט טאן, ווייל דאס טרעפט זיך אפט אז עס זאל זיך אים מאכן צו טאן חסד, וואס אנדערע וועלן נישט טאן (חסל״א סי׳ ה, ח).

ג) מען זאל געבן פאר די געסט די בעסטע בעטן, דער עיקר ביי דעם איז אז דער געלעגער זאל זיין ריין פון פליגן, מאסקיטן אדער אנדערע באשעפענישן, אויב נישט זאל מען בעסער נישט נעמען קיין אורח, ווייל דער אורח וועט נישט קענען שלאפן, און אויסער דעם וועט ער מוזן ליידן צער מיט יסורים א גאנצע נאכט (חסל״א סי׳ ח, י״ד, ועי׳ עוד או׳ כ״ג באריכות).

ד) די מצוה גייט אויך אן ביי רייכע, זיי אויפצונעמען מיט א פריילך פנים און באמיען זיי מכבד זיין לויט זייער כבוד (חסל״א סי׳ ח, או׳ י״ז), איינער וואס נעמט אריין נאר ארימעלייט, שעמען זיי זיך צו קומען ווייל זיי ווייסן אז מען האט זיי נישט גערופן נאר ווייל זיי זענען ארימעלייט, אבער ווען מען ווייסט אז אין די שטוב נעמט מען אויך רייכע, שעמען זיך נישט די ארימעלייט, ווייל זיי ווייסן אז מען נעמט אריין יעדן (מדרש שמואל אבות פ״א, נכי״ו עמ׳ ע״ד).

ה) ווען ער איז הונגעריג, דער צווייטער דורשטיג, איז דער דורשטיגער פריער ווייל הונגער קען מען לענגער ליידן ווי דורשטיג (ס׳ הברית מאמר אהבת רעים פכ״ג, חסל״א סי׳ ד׳).

ו) אויך פאר א שונא איז א מצוה צו געבן עסן (משלי כה, כ״א).

ז) דער עיקר זכות ביים סוף פון גלות איז די מצוה פון חסד (מגלה עמוקות עה״ת פ׳ לך).

ח) א פרוי זאל נישט איינלאדענען אן אורח אן וויסן פון מאן (זוה״ק ח״א סס, וע״ע יבמות עו: דאין דרכה של אשה לקדם לקראת אורחים).

ט) גלייכצייטיג דארף מען געווארנט זיין נישט מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים טאמער דאס איז פארבינדן מיט איסור יחוד (עי' אה"ע סי' כ"ב ובקדושת בנות ישראל באורך בכל פרטי'), דאס זעלבע מיט מצות צדקה דארף מען זייער געווארנט זיין אויב איינער קומט נאך געלט און דער מאן איז נישט אינדערהיים זאל מען אים בשום אופן נישט ארײנלאזן אין שטוב, נאר דאס בעסטע איז, אז מען זאל בעטן דעם ארימאן אדער משולח צוריק־צוקומען ווען דער מאן איז אינדערהיים.

אויב דאס איז נישט מעגליך זאל מען געבן די געלט אונטער די טיר, אדער דורך די שפּאלטנס, און אויב מען עפנט די טיר זאל מען כאטש גֶעווארנט זיין אים נישט ארײנצולאזן אין שטוב אריין, ווייל דער דור איז לײדער זייער פרוץ (מיר קענען דא נישט מאריך זיין אין פרטים), יעדנספאל זאל דער מאן אויסלערנען די בני בית אז פאר קיין פאל זאל מען נישט ארײנ־לאזן א משולח אליין אין שטוב.

י) ווען דער באשעפער האט איינעם ליב שיקט ער אים א מתנה אן ארימאן צו גאסט (זוה"ק ח"א ק"ד).

יא) איינער וואס נעמט אן אורח אין שטוב זאל זיך נישט קימערן נאר איבערן אורח (שם מד:).

יב) אויף איינעם וואס מען האט עפעס א פארדאכט אויף אים, זאל מען נישט ארײנלאזן אין שטוב (שם ס"ז).

יג) אויב דער גאסט איז אפילו א קײזער דארף ער אויך טאן ווי דער בעה"ב הייסט אים (שם ח"ג רמ"ד).

יד) אויב מען גיט פארן ארימאן פון נישט קיין כשר געלט נאר געגזל'ט נישט נאר וואס מען טוט נישט קיין מצוה, נאר עס דערמאנט אויך אויבן זיינע זינד (שם ח"ב קצ"ח).

טו) מיר געפינען ווי די חז"ל זאגן אז דער וואס איז עוסק אין תורה מיט גמילות חסדים איז מען אים מוחל זיינע זינד (ברכות ה', וע"ע שם ח. שבת ל. יומא ע"ב:), מיד געפינען אויך אז דארט ווי תורה מיט גמילות חסדים האר־מאנירן צוזאם ברענגט דאס מער אריכות ימים ווי איינער וואס לערנט נאר תורה (ר"ה י"ח.), דער וואס זאגט אז ער האט נאר תורה, האט ער תורה אויך נישט (יבמות ק"ט. וע"ע ב"ק י"ז. חגיגה ג: ירושלמי חגיגה שם, סוטה יד. ע"ז ה' ע"א).

טז) א צוזייט פלאץ געפינען מיר ווי די חז"ל דרוקן זיך אויס גאר שארף איבער איינעם וואס לערנט נאר תורה, אז ער איז גלייך ווי ער האט נישט קיין באשעפער (ע"ז י"ז:).

יז) נאכדעם איז דאך באוואוסט די משנה אין אבות (אבות א, ב)אז די תורה שטייט אויף דריי זאכן תורה, עבודה, גמ"ח, ע"כ (וע"ע ש"ר ל, יט, ויק"ר ל, יא, אותיות דר"ע, ועוד הרבה ואכ"מ).

און אזוי איז טאקע מפורסם פון הגאון הצדיק מוהר"ר שמחה בונם סופר זצ"ל וואס האט פשט געזאגט אין די גמ' (שם) וואס די חז"ל זאגן אז אלע נביאים האבן זייער נביאות געזאגט פאר דעם וואס מאכט חתונה די קינדער צו ת"ח און איז מהנה ת"ח פון זיין פארמעגן, זאגט ער פשט אז נעמען איידעמער תלמידי חכמים בלויז איז נאך גארניש, אדרבה עס קען נאך זיין א פעלער ווען די גאנצע כוונה פונ'ם שווער איז כדי די גאס זאל רעדן אז ער האט איינגעזעצט אן איידעם א תכשיט, פשוט מקנה צו זיין, און די טאכטער דאס זעלבע וויל זיך נישט שעמען פאר די חברותא באשטייט זי אויף א ת"ח, אבער אין דער ווירקליכקייט זוכט מען נישט דאס, נאר ער זאל זיין א געניטער ביזנעסמאן, מיט א געשליפענעם צונג נישט א לא יוצלח, וואס זאל ליגן מכף רגלו ועד ראשו אין מסחר.

נו! יעצט ווי אזוי קען מען טאקע דערקענען ווער עס האט ריכטיג געזוכט א ת"ח און ווער עס האט געמיינט די גאס, מען גיט א קוק וואס דער שווער טוט מיט'ן איידעם א טאג נאך די שבע ברכות, שיקט ער אים לערנען? אדער ארבעטן? דארט ווערט דער סוד נתגלה, (חוץ ליידער די פעלער וואס דורכן שיידן זיך האט מען זיך דערוואוסט אז נישט אים האט זי געמיינט), און דאס דרוקן זיך אויס די חז"ל אז דאס גרויסקייט פון נעמען אן איידעם א ת"ח איז נאר דאן ווען מען טוט אים נאך די חתונה מהנה זיין ווי מען דארף, דעמאלטס ווייזט זיך ארויס וואס מען האט געמיינט (שבט סופר פ' יתרו).

יח) דער זוה"ק שרייבט אז דער בעה"ב זאל שניידן און טיילן ברויט בהרחבה (ח"ב קצ"ח, ושלחב"ט).

*יט) דער זוה"ק שרייבט (מובא בפ"י) אז אלע צרות הייבן זיך אן נאכן עסן גוטע סעודות, אבער ווען מען עסט מיט אן אורח באשיצט דאס קעגן אלעם.

יט) דער וואס דערפרייט די געעסט פרייט זיך דער באשעפער מיט אים (זוה"ק ח"ג ק"ד).

יז) הכנסת אורחים איז וויכטיגער ווי צו גיין לערנען פארטאגס אין ביהמ"ד (שבת קכז.).

יח) אן אורח וואס ברענגט מיט אן אנדערן אורח ווערט אנגערופן א קל [לייכטזיניג] (ב"ב צ"ח: מס' דרך ארץ זוטא ח' ועי' זוה"ק ח"א סז. דא"ל רשות לזה).

יח) אן אורח וואס ברענגט מיט אן אנדערן אורח ווערט אנגערופן א קל [לייכטזיניג] (ב"ב צ"ח: מס' דרך ארץ זוטא ח' ועי' זוה"ק ח"א סז. דא"ל רשות לזה).

*יח) מען זאל נישט פרעגן אן אורח אויב ער וויל עסן, און אויב ער האט ליב דעם געוויסן עסן, ווי די וועלט זאגט א ווערטל, א חשוב'ער אורח עסט נישט פון א שאלה!

יט) מיר געפינען אז דער באשעפער האט אפגעשוינט געצן דינער ווייל זיי האבן געגעבן עסן פאר דורכרייזנדע (סנהדרין קג:).

כ) מען טאר נישט רופן אן אורח אויב ער וויל נישט (ירושלמי ק"ס ט), אבער אן אורח וואס שעמט זיך און די בושה לאזט אים נישט אליין קומען מוז מען אים ארייננברענגען (נוהג כצאן יוסף עמוד ע"ד).

כא) דער באשעפער האט געזאגט פאר איוב, די האלסט נאך נישט אין די מדריגה פון אברהם, די זיצט אין שטוב און אורחים קומען אליין, אברהם איז ארויסגעגאנגען אינדרויסן זוכן געסט (אדר"נ ז').

כב) דער וואס עסט לאנג כדי ער זאל קענען געבן פאר ארימעלייט צו עסן איז זוכה צו לאנגע גוטע יארן (ברכות סג:), א צדיק עסט צו זעט כדי דער ארימאן זאל זיך נישט שעמען צו עסן (שלחה"ט שער הכנ"א בשם ס"י), און מען דארף שיין טיש דעקן פאר'ן אורח מיט דעם איז מען מחי' דעם ארימאן (שם).

כג) די מצוה פון געבן פלאץ צו נעכטיגן איז מער מצוה ווי צו געבן עסן, ווייל עסן געבן איז יעדער גרייט אבער פלאץ צו נעכטיגן איז שווער צו טרעפן (יוסף אומץ מ' הכנ"א ע"ש, שלחה"ט שער צדקה והכנ"א פ"ט, ועי' אהב"ת לחפץ חיים), ווייל דער בעל דבר ווארפט א פחד אויפן מענטש טאמער וועט דער אורח עפעס גנב'ענען א.ד.ג. און עפ"י רוב קומט דאס פון די בני בית.

און דערפאר ווארנט טאקע דער באר מים חיים פ' ויקהל (עה"כ ויבואו האנשים על הנשים), מיט פייער'דיגע ווערטער אז א ירא שמים זאל נישט

קוקן אויף די ווערטער און דאס אפרעדן פון די אידענע, פון מצות צדקה, בפרט ווען עס איז שוין איבערצייגט געווארן אז אויב מען געוויינט צו געסט אין שטוב איז די אידענע אויך מסכים צום סוף מיט שמחה (שלחה"ט שם).

וואויל פאר דעם וואס מאכט פריי א פלאץ אין שטוב פאר אורחים צו נעכטיגן ווייל עס איז דא עשירים וואס האבן מערערע שטובער און עס איז א קלייניקייט אפצורוימען און באשטימען איין שטוב פאר געסט, און בעונינו הרבים פארלייגט דער בעל דבר אויף דעם דאס גאנצע כח ווען מיר וואלטן פארשטאנען די באדייטונג פון אזא גרויסע מצוה וואלטן מיר געשטאנען ביי די שיידוועגן אריינצונעמען אורחים אין שטוב אריין פונקט ווי אונזער זיידע א"א ע"ה.

אין דעדפאר אויב מען איז נישט ערמעגליכט מקיים צו זיין דעם עיקר פון הכנסת אורחים וואס מיינט צו געבן פלאץ צו נעכטיגן, דארף מען כאטש שתדל'ן ביי אנדערע אז זיי זאלן געבן פלאץ, און אהינפירן דעם אדימאן, אדער אויסצאלן פאר'ן ארימאן דעם קוואטיר, אויב עס איז נישטא קיין אנדערע וועג.

זעלבסטפארשטענדליך אז אויב עס געפינט זיך אין שטאט א חברה וואס זענען עוסק אין די מצוה זאל מען ווערן א חבר דארט, און וואויל איז זייער חלק (כ"ז מס' שלחה"ט שער דצקה והכנ"א פ"י).

כד) דער קו"ט מציעשינוב זצ"ל שרייבט אז ער האט אמאל געהערט פונ'ם טאטן הגה"ק משינעווע זצוק"ל אין נאמען פון בעש"ט הק' זיעועכי"א אז אויף די שטאט בדאד קען נישט הערשן קיין שום קטרוג ווייל ביי די טויערן פון שטאט הענגען צוויי בייטלעך, איינס פון צדקה און איינס פון גמ"ח (דברי שמחה).

## פרק יא

## דערפרייען ארימעלייט שבת און יו"ט און אנדערע צייטן

### שבת קודש:

א) מען דארף שבת קודש זיך מענג זיין מיט געשמאקע און דיסע מאכלים ומשקאות צוזאמען מיט ארימעלייט, ווייל דאס איז נישט רעכט אז ער זאל זיך מתענג זיין מיט אלעם בעסטן און די ארימע ברידער גייען גאר אויס פאר הונגער, און אודאי איז דאס נישט דער וועג פון רחמנים מיט גומלי חסדים ווי די קינדער פון אברהם אבינו ע"ה.

און צוליב דעם פירט מען זיך ביי טייל פלעצער צוזאמענצונעמען עסן׳ס פון די שטובער פון דעם וואס מען האט אנגעגרייט לכבוד שבת, און צו געבן פאר ארימעלייט, און די וואס געבן נישט צושטייער עסן׳ס געבן געלט.

אבער מער מעלה איז צו געבן דירעקט פארטיגס, כדי דער ארימאן זאל זיין גלייך צו אים מיט׳ן עסן, און אויב מען גיט געלט קען דאס האבן אסאך חסרונות, איינס, פון אביסל געלט וואס קען מען שוין קויפן (ווי יעדער פאר־שטייט אז מען קען נישט צוזאמענשטעלן א קליין געקעכטס מיט׳ן זעלבן געשמאק און טעם און ווערט ווי מען קען, ווען מען קאכט אסאך אויף איינ־מאל און מען נעמט אראפ אביסל, דערפאר איז חשוב׳ער דער וועג ווי איידער צו געבן געלט), צווייטנס ווער ווייסט אויב ער וועט טרעפן צו קויפן, דערנאך האט דער ארימאן א פראבלעם וואס ערשט צו קויפן ווייל אן ארימאן גלוסט נאך אלעם.

און עס קען לייכט פאסירן אז דער ארימאן וועט וועלן אפשוינען דאס ביסל אפגעשפארט געלט אויף אינדערוואכן, און זיך באגעניגן שבת מיט א קלייניקייט, קומט אויס אז דער ארימאן הונגערט אום שבת, און דער בעה״ב עסט פון כל טוב, דעריבער זאל יעדער בעל נפש און ירא שמים נישט עסן פרייטאג צונאכטס ביז ער וועט אפשיידן א טייל פון זיין בעסטן עסן און געבן (ביי זיך אויפן טיש) אדער שיקן פארן ארימאן צו עסן, דורך דעם וועלן אלע אידן ארימע לייט מיט רייכע אייניג זיין, און השי״ת וועט זיך מרחם זיין אויף אלע (סדר היום עמוד כ״א, יוסף אומץ תקמז־תקמ״ט, ועי׳ קב הישר פ״ט).

ב) מיר געפינען אין די רייד פון די חז״ל דעם געוואלדיגן אונטערשייד צווישן געבן געלט, אדער עסן׳ס פאר ארימע לייט, אז דער וואס גיט עסן ענטפערט אים השי״ת שנעלער ווען ער בעט ווי דער וואס גיט געלט (תענית כג:), און ער ווערט ענדערש ניצול פון פייער (כתובות סז:).

היינט צוטאג וואס עס איז נישט איינגעשטעלט דער סארט סיסטעם פון צוזאמענעמען עסן׳ס פאר ארימעלייט, איז לכאורה זייער שווער נאכצו־קומען דעם הידור פון זיין געזיכערט אז דאס געלט וואס מען גיט זאל גיין אויף הוצאות שבת, אזוי אז דער ארימאן זאל אויך האבן א שיין באדעקטן טיש לכבוד שבת ווי א צווייטער, פונדעסטוועגן איז דאך ערמעגליכט פארן יחיד דאס נאכצוקומען דורכן שטיצן די חברה׳ס וואס טוען אין דעם הינזיכט און ארבעטן אומדערמידלעך אנצוגרייטן עסן׳ס פאר נויטבאדערפטיגע.

ג) אין ס' יסוד ושורש העבודה שטייט אז א מענטש זאל זייער גע־ווארנט זיין צו געבן עסן פאר ארימעלייט אויף זיין טיש (שער ח' פ"ו), דער הייליגער מעזדיטשער מגיד זצ"ל זאגט. אז מען זאל זייער געווארנט זיין מכבד צו זיין ארימעלייט ווי ווייט מעגליך, בפרט צו האבן ביים טיש אויף שבת א חשוב'ן ארימאן, און מען זאל געבן בעפאר יעדן שבת און יו"ט מתנות פאר ארימעלייט לויטן מעגליכקייט (כת"ר תלמידו הק' ר"ר שמעלקא זצ"ל).

ד) נאך שטייט פון הק' מהר"ם מטשערנובל (בס' הנהגות ישרות) אז פאר א כפרה צו דעם וואס מען האט פוגם געווען מיט די מחשבה זאל מען געבן יעדן ערב שבת צדקה לויטן מעגליכקייט פאר א חשוב'ן ארימאן וואס זיצט על התורה ועל העבודה און פארמיאוסט אין אלע עולם הזה'דיגע ענינים נישט ווי אנדערע צדקות וואס מען דארף געבן פאר אלע קלאסן ארימעלייט, אבער די צדקה דארף זיין פאר א חשוב'ן ארימאן דוקא דורך דעם וועט פאראכטן ווערן אלעס וואס מען האט פוגם געווען אמן, ע"כ.

ה) עהנליך (אביסל אנדערש) שטייט אויף א צווייט פלאץ אז דער תיקון קעגן שלעכטע מעשים איז צו געבן צדקה פאר ארימעלייט ע"ש, און אליהו האט מגלה געווען פאר די גרויסע צדיקים אז דער צדקה מוז זיין אויס־שליסלעך פאר אן אנשטענדיגן ארימאן, דער וואס קען נישט געבן פאר א חשוב'ן ארימאן ווייל פאר זיי דארף מען געבן א שענערע נתינה זאל ער צוזאמען נעמען דאס געלט פון עטליכע ערבי שבתות אינאיינעם כדי ער זאל קענען געבן פאר א אדם חשוב (ס' ר"ד בשם הק' מטריסק, תיקון מפ' שמיני), צום סוף שטייט אז דער זכות פון צדקה וועט מקרב זיין די גאולה בגשמיות ורוחניות (ע"ש).

ו) נאך שטייט (ס' קרבן שבת פ"ג) אז בפרט שבת דארף מען אכטונג געבן אז נישט די גאנצע וועלט זאל זיין רוהיג און צופרידן און די ארימעלייט ח"ו אין צער וואס דורכדעם וועט ער צוקומען צו וויינען, דעריבער זאל מען נישט צוריק האלטן פרייד פון ארימעלייט און דער וואס ווייסט אז זיין נתינה וועט נישט גענוג זיין פארן ארימאן צו קויפן דערפאר א גוטע זאך לכבוד שבת, און אפילו ער וועט קויפן האט ער נישט וויאזוי אנצוגרייטן א געקעכטס, איז בעסער פאר אים אז ער זאל אים דערפרייען מיט א גוט מאכל, נישט קיין חילוק אויב ער גיט אסאך אדער אביסל דער עיקר מען זאל מיינען לשם שמים (ע"ש).

ז) דער וואס גיט פאר ארימעלייט צו עסן אום שבת ווערט געראַ־טעוועט דורכדעם פון דריי שווערע שטראף, חבלי משיח, גיהנם, מלחמות גוג ומגוג (עי' יעקב שבת קי"ח, בעיון יעקב שם), אזוי שטייט אויך אין ספר סדורו של שבת וועגן די גרויסע מצוה פון נעמען אן ארימאן שבת צום עסן ע"ש.

ח) דאס געבן ברויט פארן ארימאן טוט אפשוואכן דעם כח פון פיר הונדערט מיט אכציג כתות פון משחיתים און דער ראש פון די ש"ד וואס קומט שטענדיג מקטרג זיין אויף אידן (קב הישר פ"ט או' י"ד).

ט) נאך שטייט (בס' ע"ש בשם ספר אחד) יעדער מענטש איז מחויב צו געבן אסאך צדקה פאר ארימע לייט ערב שבת לויט זיין יכולת און כאטש דאס גייט אן אינדערוואכן אויך, ערב שבת איז דער חיוב דאפלט, און די צדקה ערב שבת איז זייער גרויס עפ"י נגלה און עפ"י סוד, ליידער זענען דא היינט פיל מענטשן וואס גרייטן אן סעודות אויף שבת ווי קעניג'ן זאגנדיג אז דאס איז לכבוד שבת אבער דאס איז גארנישט ווערט ווייל זיי שטיצן נישט ארימעלייט תלמידי חכמים וואס האבן נישט די מינימאלסטע אויף שבת (ע"ש).

י) אין של"ה הק' שטייט אז שבת דארף מען אסאך מער מחמיר זיין ווי אינדערוואכן, און די שטראף אויף די עבירות וואס מען טוט שבת איז אפאר מאל מער ווי אינדערוואכן (עיפ בפמ"ג בס' תיבת גמרא חקירה ז' בע"ז, וע"ע בספרי דבר משה, שהארכתי בזה ואכמ"ל), דעריבער איז גלייכצייטיג גרעסער דער שטראף פאר נישט געבן צו עסן פאר אן ארימאן שבת, פיל מער ווי אינדערוואכן, און אזוי ווי מרובה מדה טובה איז דער באלוינונג אויך פיל פאכיג גרעסער.

יא) אין זוה"ק יתרו דף פ"ח ע"ב זעט אויך אויס אז פאר נישט געבן עסן ארימעלייט אין שבת איז דא א שטראף.

יב) דער רבן של ישראל בעל פמ"ג שרייבט: מען דארף זייער געווארנט זיין אינ'ם כבוד פון שבת און געבן פונ'ם סעודה וואס מען האט אנגעגרייט פאר'ן ארימאן, שבת און כ"ש יו"ט, און נישט בלויז זיך אליין איינזינען האבן (תיבת גמרא חקירה ז').

יג) דער שרף מסטרעליסק זי"ע פלעגט ווארענען מען זאל האבן ביים טיש אן אורח ביי יעדע סעודה, דעמאלט ווערט אים פאררעכנט ווי ער וואלט מכוין געווען אלע כוונות פון האריז"ל ע"כ, און כ"ש נאך אום שבת (ר"ש או' ר"ט).

יד) ואחרון חביב דער האריז"ל שרייבט מען זאל געבן צו עסן הונגעריקע, שבת ביים טיש, דאס איז גלייך ווי די קרבנות, און מען דארף עס אויך געבן בשמחה, בפרט ווען מען דערמאנט זיך וויאזוי דער ארימאן מוטשעט זיך און פלאגט זיך א גאנצע וואך, זאל מען אים מחי' זיין כאטש שבת מיט גוטע געשמאקע עסן'ס און מיט א ליבליכן פנים פון בעסטן וואס מען האט צוגעגרייט, דורך דעם וועט דאס מכפר זיין אויף אים, אבער טאמער מען גיט אים באין ברירה מיט א זויערן פנים, איז דאס אזוי ווי דער קרבן פון קין וועלכער האט געברענגט פון ערגסטן און דעריבער האט עס דער באשעפער נישט אנגענומען (פע"ח ע"ש).

## עסן פארן ארימאן יו"ט

א) דער זוה"ק (פ' יתרו) שרייבט זייער א הארבע שטראף פאר דעם וואס גיט נישט פאר אן ארימאן פון זיין סעודה יו"ט רחמנא ליצלן (מ"א סי' ת"כ"ט בשמו).

ב) אזוי שרייבט אויך דער רמב"ם (ה' יו"ט פ"ו דין ח"י) אז דער וואס פארשפארט זיין טיר און עסט און טרינקט מיט די גאנצע משפחה, און גיט נישט צו עסן און טרינקען פאר ארימעלייט און פארביטערטע מענטשן איז דאס נישט קיין שמחת מצוה נאר א שמחה פון בויך (ש"ך וטור סי' תקכ"ט, ולבוש, וש"א) און אזוי שרייבט דער סדר היום, אז עס איז ראוי פארן מענטש איינצולאדענען יעדן יו"ט אן ארימאן, כדי צו באטייליגן זיך מיטן ארימאן מיט'ן פריידן, ע"ש, און אזוי שרייבט ר"ר שמעלקא זצ"ל אין נאמען פון זיין רבי'ן המגיד הק' ממעזריטש זי"ע.

ג) דער עיקר איז משתדל צו זיין און געבן פאר שטילע מענטשן וואס שעמען זיך צו נעמען נאר באהאלטערנערהייט, בפרט בעלי תורה (כה"ח תקכ"ט, מ"ב).

ד) די מצוה פון געבן אן ארימאן יו"ט צו עסן איז פיל העכער ווי א גאנץ יאר, (שער המלך ח"ב ד', עמוד ע"ה, ע"ש).

ה) **ראש השנה:** אויסער דעם התחייבות פון אלגעמיינע יו"ט, וואס גייט אן אויך ר"ה (כמבואר במשנה מס' ראש השנה "יו"ט של ר"ה שחל" וכו' דמבואר דג"כ בכלל יו"ט הוא) שטייט ארויס אין פסוק (עזרא, ושלחו מנות לאין נכון לו), אז מען דארף שיקן עסן פאר ארימעלייט, אין צוגאב צו דעם וואס יעדער האפט אז אין הימל וועט ער אנגעשריבן ווערן צו אלעם

גוטן, און א גוט געבענטשט יאר, אפילו מען שפירט אז מען איז עס נישט ווערט, און צו דעם מוח מען ווייזן אז מען איז ווערט אויף גוטס, דורכדעם וואס מען טוט גוטס אויך מיט אנדערע.

אין קעגענטייל ווערט אבער געברענגט (עי' סמוך בענין נשואין) אז ווען מען פראוועט א סעודה און מען גיט נישט פאר די ארימעלייט זייער חלק איז מען ח"ו נאך מעורר א קטרוג וואס פעלט נישט אויס א גאנץ יאר און נאך כ"ש ר"ה וואס מען זוכט צו מאכן מצות און מעשים טובים, וועגן דעם פארגעסט נישט דעם עיקר!!

ו) נאך א טעם איז שייך מער ראש השנה ווי אנדערע ימים טובים, ווייל עפ"י ש"ע (תקפ"א ס"ב) איז דא א מנהג צו פאסטן ערב ר"ה, (עי' בטור בשם פרקי דר"א גודל התועלת בתענית זו), און מוצאי תענית איז דא א חיוב אויך א גאנץ יאר מער ווי געווענליך צו זען אז ארימעלייט זאלן האבן צו עסן, (ברכות ו:, יו"ד ה' צדקה ע"ש), איז דאס א פליכט אויך ראש השנה ווען טייל מענטשן פאסטן דעמאלט אויס.

ז) און דער זעלבער טעם איז אויך שייך מוצאי יוה"כ.

ח) דער ישל"ה (שער האיתן פ"ה) שרייבט אז ערב יוה"כ זאל מען אויך געווארנט זיין צו האבן אורחים, דאס זעלבע שרייבט דער מט"א (תר"ה י"ח), און אזוי ביי די סעודה המפסקת (ע"ש).

ט) **פסח:** אין שו"ע געפינען מיר שטיין אז דער מנהג איז צו קויפן ווייץ און פארקויפן פאר ארימעלייט, און יעדער דארף צושטייער געבן, (סי' תכ"ט, וע"ש במ"א ובחי' בענין חלוקת מצות לעניים).

י) אין סדר היום (לה:) שטייט פאלגענד: איך האב שוין אויבן דערמאנט אז עס איז ראוי מען זאל איינלאדענען יעדן יו"ט אן ארימאן צו פארטיילן זיך די שמחה מיט אנדערע ארימעלייט, כ"ש פסח נאכט דארף מען נאכגיין נאך זיי, און מען זאל דערפרייען די הארץ פון די צובראכענע און זיי באטראכטן ווי פרייע מענטשן עס זאל זיי גארנישט פעלן, ע"כ.

יא) דער שער המלך שרייבט ווען מען זעצט זיך ביים סדר פסח ביינאכט זאל מען מקיים זיין וואס מען זאגט "כל דכפין ייתי ויכול" דאס מיינט מען זאל אריינעמען אורחים, יו"ט איז מער מצוה צו נעמען אורחים ווי א גאנץ יאר, און פסח איז די מצוה נאך גרעסער.

יב) דער קב הישר פר"א איז שטארק מאריך אין די וויכטיגקייט אז די

גבאי צדקה זאלן קויפן ווייץ און מאכן מעל און שיקן פאר ארימעלייט, ווייל פאר שיקן מעהל און פלייש איז רי באלוינונג סאך גרעסער, (ע"ש באריכות נפלא).

יג) רער יוש"ה (שער ט' פ"ז) שרייבט (עמור רע"ב) הכנסת אורחים, דער וואס האט מורא פון באשעפער זאל געווארנט זיין, פאר יו"ט צו צוטיילן צדקה פאר אירן, און יו"ט זאל מען שיקן עסן פאר רעם וואס האט נישט, דורכדעם האלט מען אפ דעם מקטרג, ע"כ.

יד) נאך שטייט אז פסח ווערט מען געמשפט אויף רי תבואה (מס' ר"ה) פון פאר יאר, וואס מען האט נישט געגעבן גענוג פאר אלמנות און יתומים דעריבער גיט מען פאר פסח תבואה פאר ארימעלייט, כדי אז פסח ביים משפט זאלן מיר געמשפט ווערן צום גוטן (ס' מהרי"ח).

טו) עס קען זיין אזוי ווי מען ווערט געמשפט פסח וויפיל תבואה זאל וואקסן דאס קומענדיג יאר (ר"ה פ"א מ"ב, ע"ש בפיה"מ להרמב"ם) דעריבער גיט מען מעל פאר ארימעלייט אז אין דעם זכות זאל רי נייע תבואה געבענטשט ווערן, און אלע אידן זאלן האבן פרנסה בשפע (זיו המנהגים).

טז) נאך קען מען צוגעבן א טעם פשוט וואס מערט דאס התחייבות פון נעמען אורחים לכבוד יו"ט פון פסח מער ווי אנדערע ימים טובים, ווייל די גמרא זאגט (ר"ה פ"א) ר' יהושע האלט אז מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן אין ניסן, און דער רמב"ם פסק'נט אז די גאולה וועט זיין אין זכות פון צדקה (אין ישראל נגאלין אלא בצדקה לשון הרמב"ם) רעריבער דארף מען די סגולה אויסנוצן אין רעם זמן המסוגל.

יז) ע"כ דארף זיך יעדער אנשטרענגען אנטייל צו נעמען אין די חבורות וואס באשעפטיגן זיך צו באזארגן ארימעלייט מיט די נויטיגע הצטרכות לכבוד פסח.

יח) **שבועות:** אויסער די אלע אויבנדערמאנטע טעמים, איז נאך דא אן עקסטער התחייבות, ערשטנס די גמרא זאגט (פסחים סח:) אז שבועות איז יעדער מודה אז מען מוז עסן, דארף מען דאפלט זעהן דערצו אז דער ארימאן זאל אויך קענען מקיים זיין די מצוה.

יט) און אויב דער אורח איז א ת"ח אויך, קומט צו נאך א פליכט צו מהנה זיין ווייל די גמרא זאגט דער וואס ברענגט א געשאנק פאר א תלמיד חכם איז פונקט ווי ער וואלט מקריב געווען ביכורים, און דער זמן פון הקרבת ביכורים הייבט זיך אן **דעם** יו"ט שבועות, און דערפאר ווערט עס

אנגערופן אין די תורה חג הביכורים, איז דאך דער פאסיגער געלעגנהייט מקיים צו זיין די מצוה מיט'ן געבן עסן פאר ארימעלייט תלמידי חכמים.

כ) אויסער דעם, האבן מיר אויבן דערמאנט דעם געוואלדיגן פליכט, מיטן באלוינונג ביי שטיצן תלמידי חכמים, וואס דער חיוב ווערט ספעציעל נתעורר דעם יו"ט וואס די תורה איז געגעבן געווארן אין איר (נ"ג).

כא) **סוכות:** דער זוהר הקדוש פ' אמור שרייבט אז מען מוז געבן פאר געסט צו עסן צו יו"ט סוכות אין סוכה, אויב נישט רופן זיך אן די אושפיזין מען טאר נישט עסן ביי א קמצן, ווייל דער חלק וואס מען גיט פארן ארימאן אים צו דערפרייען איז דער חלק וואס מען שענקט פאר די אושפיזא, ע"כ.

כב) דעריבער זאל מען יעדע נאכט איינלאדענען אן ארימאן א בן טובים צו עסן ביי אים אדער ער זאל אים שיקן אין שטוב אריין, און זאל זאגן דערביי פאלגענד: (דעם ערשטן טאג) די סעודה גיב איך פארן ארימאן לכבוד אאע"ה לתקן שורשה במקום העליון, ויהי נועם א.א.וו. (כה"ח תרל"ט אות י').

כג) מען דארף זייער מכבד זיין ארימעלייט מיט וואס נאר מעגליך בפרט צו האבן אן ארימאן ביים טיש צום עסן לכה"פ סוכות אהינצוגעבן דעם חלק פון אושפיזא פאר אן ארימאן א ת"ח (כת"י ר"ר שמעלקא בשם הנהגות רבו המגיד).

כד) אין מטה אפרים (תרכ"ה כ"א) שטייט מען זאל איינלאדענען אורחים ארימעלייט אויף יו"ט יעדער לויט זיין מעגליכקייט, ע"ש.

כה) דער חיד"א שרייבט (מחב"ר תרכ"ה אות א') מען זאל זייער געווארנט זיין צו געבן פון יו"ט'דיגע געקעכטס פאר ארימעלייט.

כו) דער פלא יועץ (סוכה) שרייבט אז ביים פרייען זיך זאל מען אויך דערפרייען ארימעלייט, און דאס איז א מצוה אלע ימים טובים כ"ש יו"ט פון סוכות, דעריבער זאל מען האבן ביים טיש עפעס אן ארימאן, אויב מען קען נישט זאל מען לפחות אפשיידן ערב יו"ט פונעם געלט אויף צדקה, וויפיל עס מאכט אויס יעדע סעודה, אדער שיקן פארן ארימאן פאר יעדע סעודה, ע"כ.

כז) די פלאם פייערדיגע ווערטער פון סה"ק יוש"ה (שער י"א פי"ג) קריכן אריין טיף טיף אין הארץ אריפוועקנדיג דעם מענטש זיך מזרז זיין צו טאן חסד מיט ארימעלייט סוכות, ער שרייבט פאלגענד: הייליגע ברידער און

פריינט: גיט נאר א קוק די געוואלדיגע חשיבות פון די מצוה, די אלע וואס ירש'נען און מאכן ירש'נען פאר דורי דורות פרייהייט און אויסלייזונג מיט די כבוד השכינה שוועבנדיג איבער אים, זיצנדיג אין סוכה מיט די אבות הקדושים וואס קומען צו זיין מיט אים אינאיינעם, און פרייען זיך מיט אים, אויב ער גיט דאמאלטס פון זיין סעודה פאר ארימעלייט בעלי תורה וואס עסן דעם חלק וואס געהער פאר די אושפיזין קדישין, טאמער נישט ח"ו קערט זיך אפ די וואלקן פון די שכינה פון די סעודה, און איז גודם ח"ו גלות פאר זיך און דורי דורות ביז אייביג, ווי עס שטייט אין זוה"ק, נוא! יעצט וויאזוי זאל מען נישט אויפגעוואכעמט ווערן געווארנט זיין זייער שטארק אין דעם, ע"כ. ערב יו"ט איז דער צייט איינצולאדענען די ארימעלייט לכבוד יו"ט, (שם).

כח) **עצה כללי:** דער עצה פון פלא יועץ (וכה"ח, יוש"ה בפסח) איז זייער אן אקטועלע בפרט היינטיגע צייטן וואס דער גאנצער הלוך ילך איז שטארק פארענדערט געווארן פון דערהיים, און נישט יעדער איז ערמעגליכט צו פארפולקומען די געוואלדיגע מצוה פון הכנסת אורחים, אין די הייליגע ימים טובים, וואס אויסער דעם עצם מקיים זיין די מצוה, איז דאך אנגעגרייט געוואלדיג גרויס שכר אויף די וועלט און יענע וועלט פאר קיום המצוה.

דעריבער זאל מען פאר יו"ט אויסרעכענען וויפיל עס מאכט אויס די אויסגאבן פון אויפהאלטן אן ארימאן איבער גאנץ יו"ט, און דאס שיקן פאר אן ארימאן א ת"ח לכבוד יו"ט, און כדי שטארקער צו מאכן זאל מען בעטן אויסשליסלעך פונעם ארימאן ער זאל דאס געלט נוצן אויף הוצאות יו"ט, און דורכדעם וועט מען האבן א חלק מיט די אלע וואס האבן ארימעלייט אורחים לכבוד יו"ט (וע"ע נועמ"ג פ' אמור, ובהקדמת שב שמעתתא).

צדקה ערב שבועות:

כט) גלייכצייטיג, ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן אז די מצוה פון טיילן צדקה פאר ארימעלייט איז אויך חשוב'ער און העכער ערב סוכות, ווי א צווייטמאל, דעריבער דארף מען דאמאלטס אסאך צדקהגעבן, און מוהרח"ו האט אויסגעליידיגט די גאנצע קופה פאר ארימעלייט זאגנדיג אז דאמאלט האט צדקה א גרויסן ווערט (עי' אור צדיקים הל' סוכה, פרע"ח שעכ"ד פ"ד, בהג' צמח, ושם כ' הטעם לשבח עפ"י סוד, ומובא בשע"ת תרכ"ה, מט"א תרכ"ה כא, ועי' בבני יששכר מאמר צלא דמהימנותא, יוש"ה).

ל) דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט כידוע געשעמ'ט מיט זיין אויס־טערלישן מדת החסד, דער קלימאקס איז דערגרייכט געווארן ערב סוכות, ווען ער האט זיך נישט באגעניגנט בלויז מיטן אויסטיילן דאס גאנצע געלט פון קעשענע, נאר גלייכצייטיג צוזאמגעבארגט וויפיל ער האט געקענט באטאנענדיג מיט גרויס עניוות אז די איינציגע מצוה "צדקה" וואס ער פארמאגט אביסל זאל מען אים כאטש לאזן מקיים זיין.

לא) איינמאל האט ער געבעטן ערב סוכות אז ער דארף עטליכע טויזנט דובעל, זענען געגאנגען די קינדער צוזאמענגעבארגט ביי די גבירים אין שטאט, און געברענגט, און תיכף איז דאס צוטיילט געווארן פאר ארימעלייט, ביינאכט איז ער אריין אין סוכה און געזאגט די וועלט באשיינט די סוכות מיט פארשידענס, איך אבער נישט, די צדקה איז מיין נוי סוכה!

לב) **שמחת תורה:** די וואס ענדיגן און הייבן אן די תורה מאכן א סעודה פאר אנדערע, רמ"א סי' תרס"ט, און דעם הויפט אנטייל דארפן נעמען ארימע תלמידי חכמים.

לג) **חנוכה:** דאמאלטס איז אויך א געוואלדיג ענין צו געבן עסן פאר ארימעלייט מכמה טעמים; ערשטענס איז באוואוסט אז חנוכה איז א זמן וואס מען דארף געבן צדקה (עי' מ"א ופמ"ג ריסי' תר"ע), ווי דער ס' יסוד ושורש העבודה שרייבט (שער המפקד פ"א) און אזוי שרייבט אויך דער קש"ע, אז די טעג זענען שטארק מסוגל צו לייטערן דעם זעל דורכן געבן צדקה, ספעציעל פאר די וואס לערנען תורה (ע"ש), און כ"ש אז די סגולה איז נאך שטארקער געבנדיג עסן פאר ארימעלייט (ווי אויבנדערמאנט אין נאמען פון די חז"ל און ספה"ק).

אויסער דעם איז דא א מחלוקה אויב די סעודת חנוכה איז א סעודת מצוה, און די סברא איז נוטה אז אויב מען גיט צו עסן פאר ארימעלייט וואס חנוכה איז דאס זייער וויכטיג און אקטועל הייסט דאס לויט אלע מיינונגען א סעודת מצוה (עי' לעיל פ"ד).

לד) **פורים:** אזוי ווי דאן איז מען מחויב צו דערפרייען ארימעלייט מיט מתנות לאביונים, ווי עס שטייט שוין באריכות אין מס' מגילה, רמב"ם ה' מגילה, או"ח תרצ"ד, אז דאס איז דער גרעסטער פרייד פאר השי"ת מער פון אלעם, טאר מען נישט פארגעסן חוץ די מתנות לאביונים דורך געלט, זאל מען אויך מהנה זיין דעם ארימאן ביי די סעודה.

לה) **מילה, פדיון הבן, סעודת חתונה, סעודת בר מצוה, סעודת תנאים:** מען דארף געווארנט זיין ווען מען מאכט איינע פון די סעודות איינצולאדענען ארימעלייט און זיך שיין באנעמען מיט זיי ווייל דער וואס מאכט א שמחה פאר א זון אדער טאכטער און האט נישט איינגעלאדן צום סעודה ארימעלייט ווערט נתעורר ח"ו א קטרוג ביז דאס ברענגט יסורים און צרות ח"ו פארן בעל סעודה, אזוי ווי מיר געפינען ביי די סעודה פון אברהם אבינו (ב"ר וירא), אז צוליב שטילן דעם קטרוג וואס עס איז נישט געווען קיין ארימאן ביי די סעודה פון אברהם אבינו, האט אים השי"ת באפוילן צו מאכן די עקידה, און דאס זעלבע איז געווען ביי איוב ווען ער פלעגט מאכן סעודות מיט זיינע קינדער אן ארימעלייט האט דער שטן מקטרג געווען וואס דאס האט דערפירט אזוי ווייט אז דאס גאנצע האב און גוטס פון איוב זענען צוגענומען געווארן פון אים, און אריסטויש פון אומבאשרייבליכע שוידערליכע יסורים (קב הישר פ"ו אר' א ב, יסוד יוסף ט:).

נאך מער מיטן געבן פאר ארימעלייט פון די סעודה ווערט דער קטיגור א סניגור ווי מיר געפינען אין מדרש (מד"ת פ' האזינו ראה שם מעשה הפלא ופלא, קב הישר פ"י, וע"ע מעיל צדקה תתח"י באורך).

לו) דער יעב"ץ שרייבט (סדר המילה) אז מען זאל זיך אנשטרענגען און לאדענען ארימעלייט צו די סעודת ברי"מ כדי דער מקטרג זאל נישט האבן וואס צו רעדן, און נישט פארגעסן אז זיי קומען בעפאר יעדן ווייל עס איז נישטא אזא באליבטע קרבן פאר השי"ת ווי עסן געבן פאר ארימעלייט, און דער וואס פארהוילט די אויגן פון זיי ווערט פארשולדיקט מיטן לעבן און צושטערט זיין שמחה, ע"כ. דעריבער ווען מען מאכט צו גוטן א חתונה אדער ברי"מ זאל מען נישט פארגעסן דעם עיקר באזארגן ארימעלייט וואס זאלן טיילנעמען אין די סעודה צוגעבנדיג א מתנת יד פאר יעדן ארימאן אז די מצוה זאל זיין בשלימות, און אלע קטרוגים זאלן בטל ווערן וועט במילא נשפע ווערן פונעם בעל הרחמים נאר ברכות וישועות פארן בעל שמחה און דעם גאנצן כלל ישראל.

לז) **סגולה פאר א ישועה:** עס איז מקובל פון הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע, אויב איינער האט ח"ו א קראנקן אין שטוב זאל ער זיך מקבל זיין אז ווען דער קראנקער וועט געזונט ווערן דאמאלט וועט ער מאכן א סעודה דעם ערשטן דינסטאג, פאר ת"ח און יראי ד' [בעיקר ארימע] פאר די נשמה פון הושע בן בארי, דאס בעסטע איז אויב דער קראנקער אליין נעמט

זיך דאס אונטער (בארות המים, ובסה"ק לקוטי תורה והש"ס אמור כ"כ בשם הבעש"ט הק'), און איידער ער איז זיך מקבל זאל ער זאגן צוויי פסוקים אין ישעי' קפי' ח' וואס הייבט זיך אן, וכי יאמרו אליכם, ביז, אין לו שחר, דאס זעלבע שטייט פון הייליגן ר"ר זוסיא זי"ע דאס ווען ער פלעגט קראנק ווערן פלעגט ער זאגן "סעדנו ואושעה" וואס באדייט, מאכט א סעודה פאר ת"ח און יראי ד' וועל איך געהאלפן ווערן (שם).

## סגולה פאר גרינג האבן קינדער:

לח) אין ספר מדרש אליהו (דרוש י' פי"א) שטייט פאלגענד: א סגולה פאר פרויען גרינג צו האבן קינדער זיי זאלן אננעמען א פעסטן באשלוס בשעת'ן געבורט צו מאכן א סעודה פאר אלי' זכור לטוב, דאס באדייט צו מאכן א סעודה פאר ארימעלייט און ת"ח יעדעס יאר אויב השי"ת וועט העלפן גערעטעוועט צו ווערן פון די צרה, און דערפאר ווערט דאס אנגערופן די סעודה פון אליהו זצ"ל, ווייל עס איז געשעהן א נס פאר ארימעלייט און ת"ח פלוצלינג ווען זיי זענען איינגעלאדענט געווארן אומגערישט צו א סעודה, צו דערקוויקן זיך, און אודאי קומען אליהו מיט אנדערע מלאכים באגלייטערס מיטצוזיין ביי די סעודה, און דערפאר הייסט עס די סעודה פון אליהו ז"ל (ישר"ע הבן י"ז).

לט) נאך א סגולה אז זיי זאלן מערן צו טאן צדקה און גמ"ח (לקוטי עצות אר' בנים) [אין תהלים משפט צדק שטייט אין נאמען פון האריז"ל א סגולה צו האבן קינדער, צו זיין געווארנט און ווארענען אויך אנדערע אויף די מצוה פון תוס' שבת, ע"ש, מוצ"ש].

מ) דער יש"מ שרייבט אז די צדקה פון א מטופל מיט קינדער איז מער חשוב ביים רבש"ע ווי א צווייטן ווייל דער יצה"ר קומט מיט שטארקע טענות, היתכן צו געבן פאר אנדערע דו דארפסט עס דאך אליין, (ע"ש פ' לך עה"כ והאמין בד' ויחשבה לו צדקה).

## ענף ב'

## איבריגע רייד האלטן צוריק פון מצות

א) ליידער זענען דא אזעלכע וואס צוליב קארגשאפט מאכן זיי אוועק דעם ארימאן, זאגנדיג "דער איז נאך פארמעגליכער פון מיר" אדער "ער מאכט גוט דעם אנשטעל", וויסן זאל מען אז דורך דעם ווערט מען דאפלט געשטראפט, פארן אליין נישט געבן [וואס ווערט פאררעכנט ווי געדינט עבודה זרה ח"ו, און שפיכת דמים, זע יור"ד ה' צדקה] און וואס מען האט צוגעברענגט אז אויך אנדערע זאלן נישט געבן, און נישט נאר וואס מען האט

יענעם אפגעהאלטן פון טאן א מצוה, נאר מען האט צוגענומען פון יענעם דעם גרויסן כח פון צדקה וואס צוברעכט די שווערסטע גזירות און ברענגט השפעות טובות, און מי יודע וואס מען האט יענעם גורם געווען צוליב דעם.

ב) עס איז שטארק מפורסם דאס ווארט פון א גרויסן צדיק וקדוש וואס פלעגט זאגן, אז דאס וואס די וועלט האלט פאר אן עבירה, איז ביי אים א מצוה, און וואס די וועלט האלט פאר א מצוה איז ביי אים אן עבירה, ערקלערנדיג זיינע רייד האט ער געזאגט פאלגענד: מענטשן זאגן טיילמאל, יענעם איז אן עבירה צו געבן צו עסן, אדער א פרוטה א.א.וו. די עבירה איז ביי אים א מצוה צו שטיצן יענעם, ווייטער האלט די וועלט אז יענעם איז א מצוה צו באגראבן, דאס איז ביי אים אן עבירה.

דער הייליגער סאנזער רב זצללה"ה האט טאקע אויסגעפירט אז פון די רייד פון די חז"ל קענען מיר זיך ארויסלערנען אז אפילו א רשע איז נישט קיין מצוה צו באגראבן, ווייל ביים קרבן פסח שטייט אז דער רבש"ע האט געזען דאס די אידן זענען אויסגעטאן פון מצות אין מצרים האט ער זיי געגעבן פסח און מילה, און אין דעם זכות האט ער זיי אויסגעלייזט, פרעגט זיך די קשיא אזוי ווי ביי מכת חשך, זענען אלע רשעים געשטארבן און מען האט זיי באגראבן האט מען דאך שוין געהאט מצות, אלא מאי באגראבן א רשע איז אויך נישט קיין מצוה.

ג) אויף דעם זעלבן ענין איז באוואוסט דאס ווארט פון חפץ חיים זצ"ל וואס פלעגט טייטשן "לא תגזל דל כי דל הוא" אז מען זאל נישט באגזל'ן דעם ארימאן דאס אליינס אז ער איז א ארימאן, מיט פארשפרייטן באגרונדלאזע קלאנגען דאס ער האט גענוג געלט.

ד) אריינקלערנדיג זיך טיפער אין דעם ענין זעט אויס אז דער עיקר סיבה פון די שמועות זענען צוליב קארגשאפט, און מען וויל זיך נישט באגעניגן מיטן איינגענעם נישט געבן וואס די חז"ל באטיטלען בלויז "קארג אויפן פארמעגן" (אבות פ"ה משנה ט"ז) נאר מען לאזט זיך אראפ צו די נידריגסטע שטופע, פון נישט וועלן אויך אז יענער זאל געבן, וואס דאס רופן די חז"ל ... (דארט).

און די מפורשים ברענגען צו דעם א רמז פון תהלים "יען אשר לא זכר עשות חסד וירדוף איש עני ואביון" דאס מיינט אז נישט וועלנדיג טאן חסד, באנוצט מען זיך מיט די מעטאדע צו רודף'ן דעם ארימאן, אזוי ארום זאל מען ביי מענטשן נישט הייסן קארג, ווייל יעדער וועט דאך פארשטיין אז די סיבה פון זיין נישט געבן איז פולשטענדיג צוליב'ן קלערן אז יענער איז נישט

ארעם, דערווייל אבער ווער עס איז א פיקח פארשטייט אז ווען מען גרייפט אן אן ארימאן מיטן קויל אז ער האט געלט, איז דאס לעכערליך, ערשטנס מערסטע מענטשן ווען מען זאל זיי א פרעג געבן פלוצלונג וועגן געלט וויפיל ער פארמאגט סך הכל צוזאם מיט הייזער, חובות וואס מען איז אים שולדיג, וואס ער איז שולדיג, און אנדערע פארמעגן׳ס ווי סטאר, ביזנעס, א.ד.ג. וואלטן זיי נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, און דא שטייט א פרעמדער מענטש און יעדער ווייס פינקטלעך וויפיל ער פארמאגט.

דאס זעלבע די וואס שרייען געוואלד אז זיי ווייסן דורך דעם פלאץ וואס יענער ארבעט וכדו׳ וויפיל יענער פארדינט, אבער גלייכצייטיג קען יענער גאר האבן אויך גרויסע אויסגאבן מער ווי אן אנדערער, אמאל אויך דאקטוירישע, דעריבער זאל מען נישט זיין איבערגעאיילט יענעם דן צו זיין, כ״ש ארויסצוזאגן א מיינונג איבער יענעם, וואס טיילמאל זענען אפהענגיק אין אים אנדערע נפשות אויך, און געדענקען דעם מאמר חז״ל ״דעלך סני לחברך לא תעביד״ (וואס דו האסט פיינט, טוה נישט פאר יענעם).

## פרק יב

## געקליבענע עצות, הדרכות מיט ערציילונגען פון די ספרים הקדושים

א) מען דארף זיך פרייען צו די אורחים און נישט ח״ו מצער זיין אויף די הוצאות וואס זיי קאסטן נאר צו טראכטן ווי זיי טוען אים א טובה אז זיי קומען, נישט ער פאר זיי (ס׳ החיים לאחי מהר״ל מפראג סי׳ פרנסה וכלכלה י״ז ע״א).

ב) אפילו מען שפירט זיך שוואך דארף מען זיך אנשטרענגען, פונקט ווי אברהם אבינו (שם).

ג) דורך קיום הכנסת אורחים בארעכנט זיך דער מענטש און טראכט אויב איך האב אזא פרייד צו מכבד זיין דעם גאסט מיט עסן און שלאפן, אודאי און אודאי דארף איך מיך איילן צו טאן דעם רצון פון השי״ת, אז קיין שום שוואכקייט זאל מיך נישט אפהאלטן, און אלעס וואס איך גיב אויס פאר א מצוה זאל זיין ווייניג אין מיינע אויגן.

און אויב מען טראכט דאס אלעס אן צווייפל אז די שכינה שטייט קעגן איבער אים און זאגט! אויב דער מענטש וואס שפארט נישט זיין פארמעגן און פריידט זיך דערמיט, איך וואס עס מאכט מיר נישט קיין שום שאדן אודאי אז איך דארף אים צוריק משפיע זיין מיין ברכה! (שם).

ד) די וועלט זאגט אז אן אורח ברענגט א רפואה, דער טעם איז ווייל "אורח" און "רופא" זענען די זעלבע אותיות מיטן אונטערשייד פון א "ח" אנשטאט א "פ" פון ח' ביז פ' פעלט 2.

דער צאל פון ווארט "חסד" קומט אויס אויב מען טוט חסד מיטן אורח, ווערט דאס רופא, דערפאר ברענגט דאס א רפואה (אמרי צדיקים, לקוטי אמרים ג, ט, ע"ב).

ה) עס האט פאסירט אמאל ביי א חסיד פון מרן הקדוש ר"ר פנחס מקאריץ זצ"ל דאס ער איז ערגעץ אינטערוועגנס אנגעקומען אין א קרעטשמע ווי דאס קינד פונם קרעטשמער איז געלעגן שטערבליך קראנק, דער חסיד זייענדיג שטארק הונגעריג האט פארלאנגט עפעס צו דערקוויקן דאס הארץ, נאכן טרינקען אביסל בראנפן רופט ער זיך אן צום קרעטשמער דו ביזט יעצט מקיים מצות הכנסת אורחים דורך מיר, קומט אויס דאס איך בין דער מצוה אליין און אזוי ווי מצות גייען ארויף אויבן שטיי איך יעצט פארן כסא הכבוד און איך בעט השי"ת זאל שיקן פאר דיין קינד א ישועה במהרה.

זאפארט ווי ער האט דאס ארויסגעזאגט איז געקומען די בשורה אז דער חולה האט געהאט די ישועה!

ווען דער חסיד איז געקומען דערנאך צו זיין רבין (הגה"ק הנ"ל) האט ער אים געזאגט איך זעה אז דורך דיר איז געווען תחה"מ, דערצייל מיר וויאזוי, נאכן פארענדיגן דערציילן רופט זיך אן דער צדיק, די עצה איז נאך פאר קיין צדיק נישט איינגעפאלן (שפת קודש מ"ג ע"א).

דעריבער אויב מען נעמט אריין אן אורח זאל מען נישט זשאלעווען צו בעטן פונעם אורח א ברכה משולשת פון רפואות מיט ישועות, ווייל אן אורח האט א כח.

ו) געבן ברויט פארן ארימאן טוט אפשוואכן דעם כח פון די מקטריגים בפרט אויב השי"ת האט אים מזכה געווען צו מאכן א סעודת ברי"מ, חתונה, אדער בר מצוה, זאל ער זען צו לאדענען ארימעלייט און צו באנעמען זיך מיט שיינע רייד צו זיי ווייל דער וואס מאכט א שמחה פאר די קינדער און רופט נישט ארימעלייט, ברענגט דאס א גרויסן קטרוג און ווער עס רופט יא, ברענגט דאס די פארקערטע (יסוד יוסף דפוס וויטאמיר ט, ע"ב).

ז) דאס וואס די וועלט זאגט "דער נאר גיט און דער חכם נעמט" באדייט אז דער נער ווען ער גיט צדקה מיינט ער אז ער גיט פון זיינעם פאר יענעם, דער חכם פארשטייט אז מיטן געבן נעמט ער מער ברכות פון הימל

דעריבער קארגט ער נישט נאר טיילט ברייט (ויקרא רבה פל״ד ח, אור ישרים ל״ט ע״א, בשם עי״ק).

ח) אין בענטשן ״ונא אל תצריכנו ד׳ אלקינו לא לידי מתנת בשר ודם״ איז פשט מען זאל גלייבן אז די מתנה איז נישט אייגנס נאר פון השי״ת (אהב״ש פ׳ ראה קט.).

ט) מען דארף געבן פארן ארימאן אפילו דו האלטסט אז ער איז נישט ראוי דערצו, ווייל פונקט ווי דו גיבסט אפילו פאר דעם וואס איז נישט ראוי אזוי וועט אויך השי״ת שיקן הצלחה אין דיין ארבעט מדה כנגד מדה און דו וועסט מצליח זיין אין אלע דיינע ווערק, מיט לעבן, קינדער, פרנסה (צמח דוד, ראה).

י) דער וואס גיט צושטייער אויף די מצוה פון הכנסת כלה, אדער עפעס א מלבוש פארן ארימאן, אדער שטיצן ארימע תלמידי חכמים, גיט השי״ת שכר פאר יעדן וואס האט א חלק אין די מצוה פונקט ווי ער וואלט געטאן די גאנצע מצוה אליינס, (פתגמין קדישין ד׳ ע״ב בשם הגה״ק מוהרל״י מבארדיטשוב זי״ע).

יא) אין מדרש אבכיר און אין רבינו בחיי שטייט אז ווען אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים האבן זיי געמאכט א בונד צו טאן חסד איינער מיטן אנדערן, די סיבה איז ווייל זיי האבן איינגעזען אז דער אורזאך פון זייער ליידן איז צוליב׳ן אפהאלט פון טאן צדקה מיט חסד (הגדה שמחת הרגל לחיד״א י״ב ע״א, בשם אביו ז״ל).

יב) די סעודת לויתן איז וואס אידן האבן שוין געגעסן ביי סעודות שבת און יו״ט, הכנסת אורחים, מיט אנדערע סעודות מצוה, דאס וועלן זיי עסן לעתיד (קדושת לוי, בתחלת הליקוטים, ודבריו מתאימים לדברי תורת חיים המובאים בתו״ש או״ח סי׳ רמ״ב ע״ש בבה״ל, דו״ק ותשכח).

יג) דער רבש״ע וועט באצאלן לעתיד שכר פאר אידן פון צוויי סארטן, איין באלוינונג פאר תורה, מצות, תפלה, תפלין, מיט אנדערע מצות, און די סעודת לויתן וואס ווערט געברענגט אין תנא דבי אליהו מיט׳ן מדרש, איז די באלוינונג פאר די אלע עסן וואס מען האט געגעסן פאר השי״ת וועגן, ווי סעודת שבת, יו״ט הכנסת אורחים, (שם, וע״ע ב״ב עה., ויק״ר יג, ג, במדב״ר יג, ג, אותיות דר״ע כ״ף).

יד) ביי די סעודה דארף מען מקיים זיין תורה, עבודה, מיט גמילות חסדים, דאס מיינט, לערנען תורה ביים עסן, צוברעכן די כח התאוה ביים עסן

דאס איז עבודה, און געבן עסן פאר געסט דאס איז גמ"ח, און דאמאלט וועט ער וויסן אז עס איז דא א משגיח אין הימל וואס טוט אים ערנערן און געבן לעבן מיט פרנסה (תוס"ח להרה"ק רי"ח תלמידו של הגה"ק בעל התניא זצ"ל, דרוש לסעודה יט).

טו) עס איז א סגולה צום לאנג לעבן זיך צו הייליגן מיטן עסן, ארויפ־צוברענגען א הייליגקייט אויפן עסן אפצושיידן דערפון פארן ארימאן, דורכדעם ברענגט מען אויף זיך ברכות מיט לעבן, כ"ש דער וואס איז ביכולת צו געבן צדקה פארן עסן, איך געדענק נאך ביי מיין שווער אז ער פלעגט זיך פירן ארייצולייגן געלט אין פושקע פאר יעדע סעודה, פאר ארימעלייט (וצוה הכהן פכ"ג, נט:).

טז) דער טעם פארוואס שרה אמנו איז געווען העכער אין מדריגה פון נבואה ווי אברהם אבינו, ווייל צו די נבואה האבן זיי זוכה געווען אין זכות פון מצות הכנסת אורחים, וואס זיי האבן ערפילט, און שרה אמנו האט דאס בעסער מקיים געווען מיט דעם וואס זי איז געווען אין שטוב און געהאט די מעגליכקייט שטענדיג צו געבן עסן פאר ארימעלייט, אבער אברהם אבינו אויב ער האט געטראפן אן ארימאן אינטערוועגנס האט ער געמוזט געבן געלט (תפארת יהונתן, וירא).

יז) דער וואס האט א גאסט וואס איז שטארק אויסגעמוטשעט זאל ער שנעל אנהייבן די סעודה און נישט צו לאנג אנברענגען דערביי כדי דער גאסט זאל זיך קענען אויסרוהען (יוסף אומץ פ' הכנס"א).

יח) הכנסת אורחים באדייט נישט בלויז אז אן אורח וואס קלאפט אויפן טיר זאל מען אריינעמען און נישט ארויסווארפן, אויף דעם איז זיכער נישט געזאגט געווארן אין די גמרא און מדרשים די גרויסע מעלות פון הכנסת אורחים, נאר מען מיינט דער וואס נעמט אריין אין שטוב אן אורח פון די גאס וואס בלאנדזשעט ארום און האט נישט ווער עס זאל זיך איבער אים דערבארעמען, אדער אן אורח וואס א שלעכטער מענטש האט אים ארויס־געווארפן, און ער נעמט אים אריין, איז זיין באלוינונג פילפאכיג געדאפלט, פון די אלע מעלות וואס ווערן אויסגערעכנט ביי הכנס"א (יוסף אומץ, שם).

יט) דורכדעם וואס מען הערט אויס מוסר פון אמת'דיגע מוסר זאגער אפילו ער ווערט פארשעמט איז ער זוכה נאכדעם צו טאן צדקה און חסד (לקוטי עצות להרה"ק מהר"ן מברסלב).

כ) עס איז דא איינער וואס איז מכניס אורח און זינדיקט שטארק מיט דעם, צ.ב.ש. איינער וויל עסן אייגנס און מען מוטשעט אים צו עסן ביי א

פרעמדן דורכדעם עסט ער נישט וואס ער וויל און וויפיל ער וויל אדער ביי א צווייטן וועט ער האבן צו עסן בריוח, און דער וואס מוטשעט אים גיט נאר קארג צו עסן (חסל"א מ"ב).

## פרק יג
## דיני דרך ארץ
### וויאזוי דער בעל הבית זאל זיך פירן צום אורח

א) מען דארף נישט מוטשען אן אורח צו קומען עסן אויב ער וויל נישט (ירושלמי ע"ז א).

ב) מען טאר נישט קוקן אויפן גאסט וויאזוי ער עסט, און נישט אין זיין פארציע, כדי אים נישט צו פארשעמען (רמב"ם ה' ברכות פ"ז, או"ח ק"ע סעי' ד).

ג) איך האב געהערט פון א נדבן וואס ווען ער האט אריינגענומען אורחים האט ער זיך געמאכט שלאפן א גאנצע סעודה כדי די אדימעלייט זאלן זיך נישט שעמען צו עסן וויפיל זיי דארפן (שלחה"ט שער הכנ"א).

ד) מען טאר זיך נישט אויפרעגן בשעת די סעודה (ד"א זוטא פ"ד, שם סעי' ו) ווייל דורכדעם האלטן זיך די שטוב מענטשן צוריק צו געבן פארן ארימאן אויס מורא אז דער בעה"ב וועט זיך אויפרעגן (לבוש וב"י שם), און די געסט שעמען זיך דאן צו עסן מורא האבנדיג טאמער וועט דער בעה"ב זיין בייז (ל"ח, עט"ז, מ"ב שם).

ה) די תורה לערנט אונז א ד"א אז דער וואס איז נישט ביכולת דעם ערשטן טאג זאל מען געבן חשוב'ע עסן, דעם צווייטן טאג ווייניגער דעם דריטן נאך ווייניגער, ווילאנג מען גיט אים באנדליך (במד"ר כ"א).

ו) מען טאר נישט טרינקען פון א כוס און געבן די רעשט פאר אן ארימאן ווענן סכנת נפשות (ד"א זוטא פ"ז, שם ט"ז).

ז) דער וואס וויל אפהיטן זיין נפש, מיט די נפשות פון זיינע קינדער זאל געווארנט זיין מכבד זיין די אורחים און טיילן מיט א פריילעך פנים כאטש זיי זענען ארימעלייט מבוזה'דיגע, ווייל ביי עסן געבן קוקט מען נישט אויף דעם, דאמאלט וועט נישט שולט זיין קיין קטרוג אויף אים (שלחה"ט שער הכנ"א).

ח) עס איז ראטזאם מען זאל ווייזן פארן אורח זיין פלאץ צו נעכטיגן איידער ער עסט, און אזוי אויך אויב ער איז אן ארימאן זאל מען אים געבן

באלד זיין נדבה ווייל דורכדעם וועט ער רוהיג און צופרידן עסן (זה״ש, צדקה וחסד אר׳ ל״א).

ט) דער בעה״ב זאל פארשפרייטן פרישע ווייסע ליילעכער דער אורח זאל זיך נישט מיאוס׳ן זיך אראפצולייגן (יוסף אומץ, הכנ״א)

י) מען דארף אראפלייגן פארן אורח וואס עס איז שוין פארטיג, און נישט ווארטן אז אלעס זאל זיין גרייט (שם).

יא) דער באשעפער האט געזאגט פאר איוב ביזט נאכנישט צוגעקומען צו די מדריגה פון אברהם, ווייל דו זיצט אין שטוב און געסט קומען אריין צו דיר, אבער אברהם האט ארומגעזיכט אורחים און זיי אריינגעברענגט אין שטוב (אדר״נ ז׳).

יב) דער בעה״ב זאל אפשניידן גרויסע שטיקער חלה־ברויט ווייל די אורחים שעמען זיך צו נעמען אליין (שם).

יג) ווען מען מאכט א סעודה דארף מען אליין געבן צו טרינקען פארן עולם (קידושין לב, מ״א סי׳ ק״ע, שע״ת ר״נ).

יד) דער בעה״ב זאל נישט לאזן די קינדער זיינע נעמען פונעם שיסל אליין ווייל קינדער וואשן זיך נישט געהעריג די הענט און די אורחים מיאוס׳ן זיך צו עסן (ס״ח תתכ״ט), טייל זאגן מען זאל אינגאנצן נישט לאזן קליינע קינדער ביים טיש ווי אורחים עסן, ווייל זיי זענען איינגעשמירט (יפל״ל אר׳ י״א).

טו) דאס זעלבע דארף מען אכטונג געבן אויב מען האט אורחים, אז די קליינע קינדער זאלן נישט זיין איינגעשמירט ביי די נאז אדער מיט עפעס אנדערש, ווייל טאמער מיאוס׳ן זיי זיך און שעמען זיך צו זאגן פארן בעה״ב (ס״ח שם, כה״ח ק״ע ע״ח).

טז) דער בעה״ב זאל זען אז מען זאל נישט אריינגעבן דאס צווייטע מאכל איידער דער אורח האט געפערטיגט געגעצליך דאס ערשטע, ווייל דאס ברענגט אז דער אורח הערט אויף צו עסן דאס מאכל און גייט צום צווייטן (כן חוש המציאות מעיד).

★ ★ ★

## פרק יד
## דינים וויאזוי דער אורח זאל זיך פירן ביים בעה״ב

(יעדער וואס גייט עסן ביי א צווייטן, נישט קיין אונטערשייד וואס די אומשטענדן זענען ווערט טיטולירט אורח)

א) דער אורח זאל פאלגן אלעס וואס דער בעה״ב הייסט אים (מס׳ ד״א זוטא פ״ד, או״ח ק״ ס״ה, וע״ש במ״א סק״י וברכ״י או׳ ח׳ בשם מרש״א ושע״ת סק״י).

ב) די תורה וואס דער בעה״ב איז מחדש ביי די סעודה איז אפהענגיק אין די גרויסקייט און חשיבות פון אורח (דגל מחנה אפרים פ׳ וירא בשם בעשטה״ק).

ג) אויך די גרויסע ערוואקסענע קינדער פון בעה״ב זענען אין כלל בעה״ב (ברכ״י שם, שע״ת שם, בי״מ או׳ ט׳, כה״ח כ״ד).

ד) אפילו אזא זאך וואס מען האלט זיך צו נידריג צו טאן און עס זעט אויס ווי גסות און גרויס־האלטעריש דארף מען אויך פאלגן דעם בעה״ב (תפארת, מ״ב, כה״ח).

ה) דאס זעלבע אויב מען פארלאנגט פון אים א זאך וואס איז נישט לויט זיין כבוד, זאל ער פארציכטן דאס מאל אויף כבוד (ברכ״י או׳ ד, כה״ח כ״ה) אנדערע זענען מפקפק אין דעם (בי״מ י״ז), דעריבער זאל מען זיך פירן, דאס אויב עס איז א גרויסע בזיון לויט זיין פערזענליכקייט דארף מען נישט פאלגן, אויב נישט זאל מען פאלגן (כה״ח כ״ה).

ו) אויב אן אורח איז מחמיר נישט צו עסן א געוויסע עסנווארג וועגן חשש איסור זאל ער זיך נישט אפהאלטן דערפון אפילו אין דער פרעמד ווען ער עסט ביי יענעם, אבער אויב עס איז נאר אן ענין פון פרישות (אפגע־שיידקייט פון גשמיות) איז בעסער דאס אויסצובאהאלטן (ברכ״י ו, שע״ת ו) זעלבסטפארשטענדליך אז דאס מיינט נישט קיין היתר צו גיין לכתחילה עסן ביי יענעם און זיך יא נוהג זיין אדער נישט נוהג זיין חומרות מיט פארשידנס, וואס ברענגט פארשידענע אומאנגענעמליכקייטן, נאר אויב מען איז ביי יענעם, און ער דערלאנגט כיבוד, אדער צוליב אן אנדערע סיבה איז אויס־געקומען צו זיצן ביי פרעמדע טישן, דארף מען וויסן אז יעדע זאך וואס איז א חשש איסור זאל מען נישט פארציכטן צוליב אביסל בושה.

ז) אן אורח טאר עפ״י התורה נישט טורשן זיין קוואטיר (ערכין טז:).

ח) ביי א קמצן (קארגער) איז גאר דא אן איסור צו עסן (סוטה לח: רע"ש דעובר בשני לאוין, אחרונים).

ט) מען טאר נישט אנהייבן עסן ווילאנג דער גרעסטער הייבט אן, אפילו מען האט אראפגעשטעלט פאר יעדן אויף אן עקסטערע טעלער (ב"ח כנה"ג, ע"ת, מ"א, א"ר, מ"ב, כה"ח, דלא כט"ז שהקיל בזה).

י) ווען איינער קומט אין א שטוב ווי מען גיט צו עסן אומזיסט, זאל ער נישט בעטן צו עסן ווילאנג דער בעה"ב זאגט נישט אליין, אבער אויב מען האט אראפגעשטעלט דאס עסן פאר אים דארף ער נישטווארטן ביז מען וועט אים זאגן ער זאל עסן (שם סעי' י"ג, ובאחרונים), אנדערע האלטן אז מען דארףווארטן ווילאנג מען הייסט עסן (א"א אר' ח"י), און אזוי פירט זיך די וועלט (כה"ח מ"ט).

יא) אויב מען באקומט א פארציע וואס מען האט נישט ליב זאל מען עס נישט אוועקגעבן באלד פארן שליש, נאר לאזן ביי זיך, או שפעטער אוועקגעבן (סי' ק"ע י"ח, ע"ש בב"ח וט"ז, ומ"ב אר' ל"ט).

יב) א קינד וואס עסט ביים טאטן, אדער א קנעכט ביים האר מעג אוועקגעבן א שטיקל ברויט פאר אן ארימאן און דארף נישט חושש זיין וועגן גזילה, ווייל אזוי איז דער מנהג (יו"ד רמ"ח ס"ו, מ"א ק"ע כ"ב), און ראַרט ווי מען איז מקפיד טאר מען נישט (מ"א שם, א"ר כ"ד).

יג) געסט האבן נישט קיין רעכט צו נעמען פונעם טיש און אוועקגעבן פארן קינד אדער קנעכט פון בעה"ב וועגן א טראגעדיע וואס האט פאסירט אמאל צוליב דעם (חולין צ"ד, שם סעי' י"ט), אבער אויב עס איז דא אויפן טיש ברויח וואס עס וועט זיכער נישט אויספעלן פאר קיינעם מעג מען (מ"א, א"ר, קש"ע מ"ב י"ז, מ"ב, כה"ח, ועוד, ועי' במ"ב דבשמן רוקח חוכך להחמיר), אזוי אויך איין אורח פארן צווייטן מעג געבן (ב"ח א"ר כ"ב), גאר א קלייניקייט וואס דער בעה"ב איז זיכער נישט מקפיד איז אדרבה נאר ראוי צו געבן פאר די קינדער פון בעה"ב ווייל דאס ברענגט שלו' ביי אידן (חסל"א).

יד) די מענטשן וואס גייען שפעט צו א סעודת חתונה אדער ברית טוען נישט גיט ווייל טיילמאל האט שוין דער בעה"ב מער נישט וואס צו געבן און ער בלייבט פארשעמט (בה"ל שם).

טו) די חשובע מענטשן פון ירושלים פלעגן נישט זיצן ביי א סעודה ווילאנג זיי האבן געוויסט ווער עס זיצט דארט ווייל עס איז א שאנד פאר א ת"ח צו זיצן נעבן אן עם הארץ ביי א סעודה, אפילו א סעודת מצוה (סנהדרין

נג, רמ"א יור"ד רס"ב, שכנה"ג, עו"ת יא, עט"ז, א"ר, מט"מ), מעגליך אז אויב דער ת"ח זיצט מיט לומדים ארומגענומען אפילו ביי די סעודה געפינען זיך אויך עמי הארצים מעג מען זיצן דארט, אדער ווען ער זיצט פאר זיך אפגעזינדערט (בה"ל שם).

טז) א מרביץ תורה און סתם ת"ח זאל נישט צופיל ארומגיין צו סעודות אפילו ברי"מ, שבע ברכות, און נישט קוקן אויף די נדבה וואס ער באקומט (רו"ח, כה"ח).

יז) אויב עס קען ברענגען נוצן דאס אנוועזנהייט פונ'ם ת"ח צ.ב.ש. אויב א חברה מכניסי אורחים, גמ"ח, וכדומה מאכן א סעודה לטובת די חברה, אן דאס באשיינען פון ת"ח וועט שטארקן דאס ענין איז קיין שום חשש נישטא דערביי, אדרבה עס איז א כבוד התורה (בה"ל, ועי' כה"ח ע"א).

יח) דער רמב"ם שרייבט אז אמאליגע צדיקים און חסידים האבן נישט געגעסן פון א סעודה וואס איז נישט זייערס (רמב"ם ה' דיעות פ"ה ה"ב) אריינגערעכנט א סעודת מצוה (יפל"ל ח"ה י"ט, זה"ח ק"ע ע"א).

די וועלט פארציילט אין נאמען פון איינעם פון די אנגעזעהנע צדיקים אז ער האט זיך אמאל אויסגעדריקט דעם טעם פארוואס ער עסט מיט די הענט נישט מיט עסצייג, ווייל זיינע הענט האט ער היינט פריש גע'טובל'ט די עסצייג נישט (דאס איז שיחת חולין של צדיקים, און דורכדעם איז פארשטענדליך פארוואס חסידים האבן געגעסן מיט די הענט, און אשכנזים נישט), און כאטש די מדה איז געלערנט געווארן פאר אלע קלאסן מענטשן זענען אבער אורחים מער באויפטראגט דאס אויסצופאלגן כדי נישט צו וזארפן אן אום חן אין אויגן פון בעה"ב וואס וועט אים אויך זיין א טובה אויף שפעטער, און צונויץ קומען.

יט) די חשוב'ע לייט פון ירושלים פלעגן נישט גיין צו קיין שום סעודה ביז מען האט אים צוויי מאל גערופן מורא האבנדיג טאמער איז דאס רופן געווען א טעות (מדרש איכה עה"כ בני ציון היקרים, ועי' גיטין פ"ה בעובדא דבר קמצא, מובא גם בס' יעבץ ובס' יפל"ל) און אזוי פירן זיך די געהויבענע מענטשן דאס טראצדעם וואס דער בעה"ב אליין האט זיי געלאדענט פערזענליך פונדעסטוועגן גייען זיי נישט אויב מען רופט זיי נישט נאכאמאל ווייל פילייכט איז דאס ערשטע איינלאדענונג געווען צוליב בושה (יפל"ל, כה"ת שם ע"ג).

כ) אויב מען האט געטרינקען פון א כוס און מען גיט דאס איבעריגע פארן חבר דארף מען קודם אפווישן דאס פלאץ וואו מען האט געטרינקען דורך איר (שם סעי' כ"ב).

כא) אן אורח וואס ברענגט מיט קליינע קינדער, דאס גלייכן דער וואס גייט צו א סעודה מיטנעמענדיג די קינדער זאל אכטונג געבן זיי זאלן זיין אפגערייניגט די הענט און פנים, און נישט לאזן אליין נעמען פון טיש (נלמד מס״ח תתכ״ט, ע״ש).

כב) אזוי ווי עס איז פון גרויס וויכטיגקייט צו רייניגן דעם קערפער אינערליך פארן עסן, סיי פון געזונטהייט שטאנדפונקט (שבת מ״א, רמב״ם ה׳ דיעות פ״ד, מ״א קנ״ז אר׳ ג), סיי עפ״י סוד אז דאס עסן זאל גיין צו די צד הקדושה (זוה״ק פ׳ תרומה, רמ״ז, ס׳ הרש״ש, מ״א שם, כה״ח קנ״ז ד׳), דעריבער זאל מען זען דערצו אז דער אורח זאל וויסן דעם מקום הכנה, און טיילמאל פאסירט אויך אז ער קומט צו בל תשקצו (עי׳ סי׳ ג׳) צורך בושה).

כג) טייל זאגן אז ביים עסן זאל מען נישט רייכערן (יעבץ במו״ק, כה״ח למהרח״פ קנ״ה, חסל״א אר׳ ה), און כאטש דער מנהג איז נישט אזוי פונדעסטוועגן איז דאס א וויכטיגע פונקט ביי די מצוה פון הכנסת אורחים, ווייל ווי באוואוסט פארטראגן אסאך מענטשן נישט דאס גערודיך פון רויכערן אפילו אינמיטן טאג, און דאס קען גאנץ לייכט פארשלאגן דעם אפעטיט פון אורח ע״כ אלס חלק פון די מצוה זאל מען פארמיידן פון רויכערן ביז נאכן עסן, ווען מען רופט אן אורח.

כד) עס איז א מיאוסע זאך אז אן אורח זאל אריינעמען אן אנדערן אורח (ד״א זוטא ח׳, ב״ב צח:).

כה) פון די רייד פון מהרש״א (מו״ק ט.) קומט אויס אז ביי א סעודת מצוה אפילו מען עסט לשם אכילה גסה קריגט מען שכר (עי׳ שלחן העזר סי׳ ט, אר׳ ב׳) אנדערע האלטן אז אפילו ביי סעודות מצוה צ.ב.ש. שבת און יו״ט אויב מען עסט צופיל איז מען עובר דריי לאוין (של״ה דף פ״ד בשם ס׳ הגן).

כו) דער וואס ווערט אריינגענומען אין א שטוב דארף זיך דאס לעבן אהינגעבן פאר יענעם (מדרש תנחומא שמות).

כז) עס איז נישט קיין דרך ארץ צו עסן אלעס וואס ליגט אין טעלער ביזן סוף (ראשית חכמה פד״א, בא״ח בחקותי ע״ש).

כח) א פלאץ ווי מען איז איינגעשטאנען איין מאל זאל מען שטענדיג דארט איינשטיין (ערכין טז: או״ח ר״מ י״ג).

כט) אויב מען איז נישט הונגעריג אדער דורשטיג אבער דער בעה״ב מוטשעט פארט מען זאל עסן דארף מען נישט פאלגן (מ״ב ק״ע).

ל) עס איז א ד״א אז דער אורח זאל איבערלאזן קליינקייטן פארן גאסט הייזער (יומא י״ב).

לא) אפילו ווען איינער עסט פאר זיך פריוואט דארף ער געווארנט זיין אז די טעלער׳ס, גלעזלעך, עסצייג זאלן זיין גענצליך ריין אזוי אויך די טעפ (של״ה הק׳ שער האותיות אות׳ ט׳), כ״ש ווען עס איז דא אן אורח אודאי.

לב) א גוטער אורח זאגט אלעס וואס דער בעה״ב פלאגט זיך האט ער געטאן פאר מיר! א שלעכטער אורח זאגט אז דער בעה״ב האט גארנישט געטאן דירעקט לכבוד מיר, נאר פאר זיין משפחה, און איינוועגס האט ער מיך אויך מקרב געווען (ברכות נח).

לג) מען דארף אכטונג געבן נישט צו זיין צי א גרויסער עניו און זיך אויסקלויבן דעם נידעריגסטן פלאץ ווייל דאס גופא איז גאוה, נאר מיטל-גאטונג נישט צו הויעך, נישט צו נידעריג (שבט מוסר פמ״ו).

לד) אפילו א גרויסער מענטש זאל זיך נישט צושטופן צו זיצן דוקא אויבנאן, ווייל דער זיץ מאכט נישט גדויס דעם מענטש, נארדער מענטש מאכט חשוב דעם פלאץ און אומגעגנט ווי ער זיצט (ס׳ יעב״ץ).

## ענף ב
## ווארענונג ביי הכנסת אורחים

א) אויב די זעסט א פרעמדן וואס איז דיך שטארק מקרב און זוכט דיר שטענדיג גוטס צו טאן אומזיסט בפרט מיט עסן און טרינקען, און פלוצלינג וועט ער צוקומען צו דיר און זאגט ברודער טייערער בארג מיר א געוויסע סומע געלט אויף א שעה צוויי און נאך היינט האף איך דיר אפצוגעבן, זאלסטו דיך היטן פון אים גלייב אים נישט און גיב אים גארנישט ווייל דו וועסט עס קיינמאל מער נישט צוריק זען, און אלע טובות וואס ער האט געטאן מיט דיר איז געווען צו פלעכטן א גרויסן נעץ צו פאנגען דיין הארץ אז דו זאלסט האבן דעם גרעסטן מאס צוטרוי צו אים, און אזוי ארום צו קענען דיך בארויבן, דעריבער היט זיך! (תו יהושע פ״י אות נ״ח).

ב) דער וואס פארט אוף א וועג אדער צו א סכנה׳דיג פלאץ זאל ער געבן קודם פאר אן ארימאן ברויט אדער עהנליכעס צו עסן (ס״ח תתרנ״ו).

## ענף ג
## געבן מפוקפקדיגע עסנווארג

א) אויב איינער האלט אז מען מעג עסן א געוויסע עסנווארג כאטש ער ווייסט אז דער אנדערער האלט דאס מען טאר נישט, מעג ער עס אים געבן צו עסן, אויב דער געבער איז א בעל הוראה. אויסער דארט ווי די הלכה איז

בפירוש אז מען טאר דאס נישט עסן, כאטש ער האלט נישט אזוי טאר ער דאס נישט עסן און נישט געבן פאר אנדערע (יד אברהם יור״ד סי׳ ס״ב בשם חי׳ הרשב״א סוכה י׳), טייל זאגן אבער אז נאר אויב דער עסער קען דערקענען דאס עסן, אנדערש טאר מען נישט (שם).

ב) פארקערט אבער אויב איינער נוצט נישט אן עסן וואס אנדערע נוצן יא, וואס דאן שטעלט זיך די פראגע אויב ער מעג דאס סערווירן פאר אנדערע, איז די פסק הלכה פאלגענד; אויב ער עסט דאס נישט ווייל ער האלט עפ״י הלכה אז מען טאר דאס נישט עסן דאמאלט טאר ער דאס פאר א צווייטן אויך נישט געבן, אבער דארט ווי ער עסט דאס נישט צוליב א חומרא בלויז מעג ער דאס געבן עסן פאר אנדערע (שו״ת חיים של שלום סי׳ קי״ג בסופו, דכ״ת קט״ז או׳ קי״ב וכעי״ז במחז״ב או״ח תקי״א, ע״ש).

ג) דער רבינו בחיי שרייבט (פ׳ וירא עה״פ ויקח חמאה וחלב) דאס לויט די חז״ל קומט אויס דאס ווער עס איז געווארנט אין א געוויסע חומרא און הידור, פאדערט זיך אז ער זאל דאס אויך נישט געבן צו עסן פאר אנדערע.

ד) אין שו״ת מלמד להועיל (יור״ד סי׳ ע״ה) שטייט, אויב אן אשכנזי שטייט אן ביי א ספרדי מעג ער עסן דארט פלייש, און מען דארף נישט חושש זיין אז עס האט פאסירט א שאלה וואס לויט די אשכנזים איז עס טריפה (עפ״י הרמ״א) און לויט די ספרדים איז עס כשר (עפ״י הב״י), און אזוי שרייבט דער דבר שמואל (ש״כ), אויב דער בעה״ב ווייסט אבער אז עס איז געווען א שאלה וואס לויט די אשכנזים איז עס טריפה דארף ער צו זאגן, (אדער אינגאנצן נישט דערלאנגען צו עסן פאר אן אשכנזי).

## פרק טו

## וועגן גיין צו א סעודת מצוה

פארווארט: אין פריערדיגן פרק האבן מיר ארויסגעברענגט די מיינונג פון די חז״ל אז ת״ח זאלן נישט געוואוינט זיין ארומצולויפן אויף סעודות, אפילו סעודות מצוה בפרט ת״ח וואס דארפן זיצן און לערנען, פארט גלוסט נישט גלאט עובר צו זיין אויף די הייליגע רייד פון אונזער רבי׳ן דער רמ״א וואס פסק׳ט אז דער וואס עסט נישט ביי א סעודת מילה (דאס זעלבע אנדערע סעודות מצוה ווי עס שטייט אין תוס׳ פ׳ ע״פ, ע״ש) איז אזוי ווי מנודה ביים באשעפער (יור״ד רס״ה סעי׳ י״ב), דעריבער לתועלת הרבים וועלן מיר בעזה״י ציטירן פון די פוסקים די התרים פון נישט ערשיינען צו א סעודת מצוה טראצדעם וואס מען איז געלאדענט געווארן צו איר.

* * *

א) הגה״ק בעל ישמח משה שרייבט: דאס מיר פסק'נען נישט ווי די שיטה אז דער וואס גייט נישט צו א סעודת מצוה איז אזוי ווי מנודה ביים באשעפער, און דער רמ״א מיינט בלויז מעורר צו זיין אז לכתחילה איז נישט ראטזאם אזוי צו טאן (חידושי יש״מ יור״ד רס״ה).

ב) נאכדעם שרייבט ער דארט ווייטער: אז די גאנצע הלכה איז געזאגט בלויז פאר די וואס גייען צו די סעודה און עסן נישט דארט, אבער עס זאל זיין א פליכט פאר דעם וואס איז נאכנישט דארט אהין געגאנגען געפינען מיר אויף קיין ארט נישט (שם).

ג) די טייערע אידן פון ירושלים זענען נישט געגאנגען צו א סעודה נאר אויב זיי זענען צוויי מאל געלאדענט געווארן (מגדול עז נחל כרית י״ג, וס' בית יעקב להגריעב״ץ).

ד) דער ס' יפה ללב שרייבט: אז אויב עס איז דא א מנין ביי די סעודה אן אים, דארף ער נישט מקפיד זיין צו גיין (שם ח״ג על יור״ד רס״ה או' כ״ב), און אזוי שרייבט דער כרוה״ב (אות ס״ז).

ה) דער תולדות שמואל שרייבט: אז אויב איינער האט געלאדענט פון זיך אליין, נישט אלס שליח פון פאטער, דארט גיין נישט אן די הלכה (ע״ש ה' מילה).

ו) אין רמב״ם שטייט: אז צדיקים און חסידים הראשונים האבן בכלל נישט געגעסן ביי א פרעמדן סעודות מצוה אויך נישט (ה' דעות פ״ה ה״ב) ע״כ, כדי צו פארמיידן א מחלוקה אין די פוסקים קען מען זאגן אז לויטן רמ״א און תוס' איז אויך נישט קיין קפידא אויף דעם וואס האט א גדר מחמת חומרא אדער פרישות נישט צו עסן ביי פרעמדע טישן, פונקט ווי מיר געפינען ביי די הלכה פון ״כל מה שיאמר לך בעה״ב עשה״ דאך אויב מען האט א חומרא דארף מען נישט פאלגן דעם בעה״ב (כמבואר בשע״ת).

ז) אין אור הישר שטייט: מען זאל נישט עסן נאר אין שטוב, אפילו א סעודת מצוה וואס איז נישט קיין הכרח זאל מען אויסמיידן.

ח) דער כורת הברית שרייבט: אז אפשר איז די קפידא דוקא אויב דער פאטער אדער מוטער פון קינד לאדענען צום ברית, אויך אפשר דוקא אויב מען רופט צוויי מאל (או' ס״ז).

ט) נאך שרייבט ער: אז קען זיין די קפידא איז נאר פאר די וואס זענען געווען בשעת די עצם ברית מחן זיי זיין אויך ביי די סעודה (שם).

י) דער וואס איז תורתו אומנתו (זיין ארבעט איז זיצן און לערנען) איז קיין שום חשש נישט אויב ער גייט נישט צו א סעודת ברי"מ (כורה"ב שם), דער מהרש"ג (שו"ת ח"ב) ברענגט פון זיין רבי'ן דעם מהר"ם שי"ק, וואס האט אים געזאגט איידער ער האט חתונה געהאט, וועגן דעם ענין פון גיין אויף חתונות, מיט דעם לשון, "אז מען זיצט און לערנט האט מען קיינמאל נישט קיין חרטה" (ע"ש ושם באורך לבאר היתר מניעת הליכה לשמח חתן וכלה ע"ש).

יא) אפילו דער וואס פלאגט זיך אויף פרנסה אין שטוב, און איילט זיך, איז פטור (ברי"א סי' י"ג, אר' י"א).

יב) טייל זאגן אז אויב צוליב דעם וועט ער מוזן פארציכטן אויף דאווענען מיט מנין דארף מען נישט גיין (שו"ת יד אלי' סי' ו, חו"ק ה' מילה).

יג) מען איז יוצא דעם חיוב מיט עסן א קלייניקייט אפילו וויי'ניגער ווי א כזית (כורה"ב שם).

יד) דער חפץ חיים שרייבט: אז די עיקר מצוה פון שמחת חתן וכלה איז דארט ווי עס איז נישטא קיין מענטש צ.ב.ש. ארימעלייט, ווייל דארט טרעפט זיך נישט ווער עס זאל גיין פרייליך מאכן, און דארט איז אלעס עפ"י התורה, און אויב עס געפינט זיך דארט עפעס וואס טויג נישט, אויב מען זאגט זיי אז עס טויג נישט פאלגן זיי באלד, דארט איז געוואלדיג גרויס די מצוה צו גיין פרייליך מאכן, וואס אויף דעם דרש'נן די חז"ל אז דער וואס איז משמח א חתן איז זוכה צו תורה, און עס איז אזוי ווי ער װאלט מקריב געווען א קרבן אין ביהמ"ק, און אויפגעבויט איינס פון די חורבות פון ירושלים (אהב"ח פ"ו).

טו) ביי גרויסע סעודות וואס פארשלעפט זיך לאנג, און עס קומט אן שווער צו פארבלייבן ביזן בענטשן אדער צוליב געזונטהייט, אדער ביטול הזמן, אדער עס שטערט דאס מארגן'דיגע לערנען, קען מען מתיר זיין צו בענטשן אן מזומן (יוסף אומץ קל"ג), נאך א היתר: אויב מען האט אינזינען געהאט ביים אנהייב סעודה ניט צו בענטשן מזומן (חכ"ש סי' קצ"ג ע"ש). נאך א היתר: אויב מען האט נישט אנגעהויבן די סעודה אויף איינמאל, און נישט געענדיגט צוזאמען (ט"ז שם סק"ו, ואכ"מ).

# שולחן ישראל כהלכתה

## פרק א — ענף א
## באגלייטן אן אורח, חבר

פארווארט: אין דעם קונטרס ווערט ארומגערעדט באריכות וועגן די גרויסע מצוה פון באגלייטן צום וועג, בדרך אגב פירט דאס אריין אין פארשידענע סגולות, הדרכות, הלכות, הנהגות פאר די וואס פארן אונטער-וועגנס.

א) די מצוה פון ארויסבאגלייטן אן אורח איז אונגעהויער גרויס, ווי די חז"ל זאגן און דערפאר באמערקן אויך די חז"ל אז איר באלוינונג איז אומבאגרעניצט (סוטה מו:) צו געבן א שטיקל באגריף וואס דאס באדייט באגלייטן, און וואס זענען אירע פאלגן וועלן מיר ציטירן די ווערטער פון רמב"ם, וואס האט ח"ו נישט מגזם געווען נאר געמאסטן און געוואויגן יעדעס איינציגע ווארט פארן שרייבן, ווי אלע ראשונים.

ב) דער רמב"ם שרייבט פאלגענד: עס איז א מצות עשה מדרבנן צו זיין מבקר חולים, טרייסטן אבלים, ארויסטראגן א נפטר, הכנסת כלה, באגלייטן אורחים, עוסק זיין בקבורה, כו' דאס איז אלעס בכלל "ואהבת לרעך כמוך" דאס שכר פון באגלייטן אורחים שטייגט איבער די אלע אויבנ-דערמאנטע מצות, און דאס איז דאס געזעץ וואס אברהם אבינו האט איינ-געפירט, און דאס חסד וואס ער האט זיך געפירט דערמיט, געבן עסן פאר דורכרייזענדע, און טרינקען, און באגלייטן, הכנסת אורחים איז גרעסער ווי מקבל פנים זיין די שכינה הק', און באגלייטן איז מער ווי אריינעמען אין שטוב.

די חז"ל זאגן אז דער וואס באגלייט נישט, איז פונקט ווי ער וואלט פארגאסן אומשולדיג בלוט, און פונקט ווי מען צווינגט צושטייער צו געבן פאר צדקה אזוי אויך צווינגט מען צו באגלייטן די אורחים, ב"ד האט איינגעפירט (אין צייטן פון ביהמ"ק) שלוחים זאלן באגלייטן די וואס פארן פון איין פלאץ צום צווייטן, און אויב ב"ד איז נאכלעסיג אין דעם ווערן זיי פאררעכנט ווי בלוט פארגיסער, אפילו דער וואס באגלייט דעם חבר בלויז פיר איילן האט אסאך שכר.

וויפיל איז דער שיעור פון באגלייטן א רבי פארן תלמיד ביז זיבעציג איילן און אביסל נאכן לעצטן הויז פון עק שטאט, א חבר ביז א תחום שבת (צוויי טויזנט איילן), א תלמיד דעם רבי'ן ביז א פרסה, טאמער איז ער זיין רבי מובהק ביז דריי פרסה (א פרסה איז פיר תחום שבת), ביז אהער זענען די ווערטער פון רמב"ם ז"ל.

ג) די שארפע לשונות וואס דער רמב"ם דריקט זיך אויס אויף דעם וואס באגלייט נישט דעם צווייטן וואס שטאמט פון די הייליגע חז"ל וואס באנוצן זיך געניי מיט דעם זעלבן אויסדריק גיבן אונז א בילד וואס פאר א גרויסע נוצן באגלייטן ברענגט פארן רייזענדן, ווי די חז"ל שרייבן אויספירליך (סוטה מו:) אז דער וואס ווערט באגלייט פיר איילן ווערט נישט געשעדיקט, און דעריבער ווער עס באגלייט נישט און עס האט ח"ו פאסירט אן אומגליק ווערט ער באשולדיקט דערפאר פונקט ווי א רוצח, און דעריבער חשוב'ע ברידער קענט איר אליין פארשטיין אז דאס באגלייטן א רייזענדן איז נישט סתם א סגולה, וואס אדער יא אדער נישט, נאר וואס די הייליגע חז"ל האבן געהאט בקבלה פונקט ווי אלע אנדערע מצות איש מפי איש ביז משה רבינו וואס האט געהערט פון כביכול דעם רבש"ע אז אן ווען עס איז צווייפל ווערט דער מענטש וואס איז באגלייט געווארן נישט געשעדיקט.

ד) און יעצט פארשטייט מען שוין גאנץ גלאט פון ווי דער רמב"ם זאגט דאס אזוי זיכער אז באגלייטן איז דער גרעסטער גמילות חסד וואס איז פארהאנען, ווייל הצלת נפשות איז דאך ווי באוואוסט די גרעסטע מצוה וואס עקזיסטירט, ווי די חז"ל זאגן (סנהדרין) אז דער וואס ראטעוועט אפילו בלויז איין איינציגן נפש, איז פונקט ווי ער וואלט אפגעראטעוועט א וועלט, און דאס אלעס איז מען מקיים מיט די קליינע טירחא פון באגלייטן יענעם געציילטע טריט בלויז, און דערפאר טאר מען נישט פארגעסן דעם עיקר.

## ענף ב
## שכר פארן באגלייטן

א) מיר האבן שוין אויבנדערמאנט אז דער שכר איז אן א גרעניץ (סוטה מו:).

ב) דורך די מצוה קען מען גורם זיין א הצלה פאר זיך, קינדער, און קינדס קינדער ביזן סוף פון אלע דורות, ווי עס האט שוין אמאל פאסירט (סוטה מו:).

ג) פרעה האט זיך באדינט מיט אידישע קינדער פיר הונדערט יאר אינעם שכר וואס ער האט באגלייט אברהם אבינו (שם).

ד) דער וואס ווערט באגלייט, דער ווערט באשיצט פון סכנה וואס האט געלויערט אויף אים דורכן באגלייטן, קומט אויס אז דער באגלייטער האט א חלק אין יענעמ'ס ווייטערדיגן לעבן, איז זעלבסטפארשטענדליך אז אלע מצות ומעשים וואס ער און אלע קומענדיגע דורות וועלן טאן נעמט ער א

חלק דערין (פשוט, וכמבואר בחוה"ל, ונלמד מק"ו מדין יששכר וזבולון כמבואר בה' ת"ת ובש"ע הגר"ז שם ואכמ"ל ועוד חזון למועד).

ה) לויטן אויבנדערמאנטן רמב"ם (ענף א, אות א) קומט אויס אז די אלע גוטע צוזאגן פון תנ"ך און דחז"ל פארן מקיים זיין צדקה און גמ"ח (ווי מיר ציטירן א טייל דערפון אויבן) איז ביי די מצוה פון באגלייטן אורחים אויך גילטיג, און נאך מער.

## ענף ג
## הארבקייט פון נישט באגלייטן

א) די חז"ל זאגן אז דער וואס באגלייט נישט איז פונקט ווי ער וואלט בלוט פארגאסן ח"ו (סוטה ורמב"ם שם).

ב) די אלע אויבנדערמאנטע רווחים (ענף ב') פאר דעם וואס באגלייט יא, האט שאדן דער וואס באגלייט נישט.

ג) די מצוה באשיצט קעגן שריפות (פייער), צו דעם ווען מיר צוברענגען א מערקווירדיגע פאסירונג וואס איז פארלאפן בערך איבער צוויי הונדערט יאר צוריק אין די צייטן פון ווילנער גאון זצ"ל.

מעשה שהי' כך הי': עס איז געווען א איד אן עושר א גרויסער מכניס אורח, צוף סוף האט אויסגעבראכן ביי אים אין שטוב א גרויס שריפה און די גאנצע הויז איז טאטאל פארברענט געווארן ר"ל, האט מען געפרעגט דעם ווילנער גאון זצ"ל פארוואס איז נישט בייגעשטאנען פאר אים דער זכות פון די גרויסע מצוה, הכנסת אורחים, האט ער געענטפערט אז די אורזאך איז ווייל ער פלעגט בלויז געבן עסן און טרינקען און נישט באגלייטן, וואס ווי די חז"ל זאגן ליגט די דריי מצות מרומז אינ'ם ווארט אש"ל א'כילה, ש'תיה, ל'וי, אזוי אז אוועקנעמענדיג ל'ויה וואס מיינט באגלייטן בלייבט בלויז "אש" וואס באדייט פייער, דעריבער האט די מצוה נישט געקענט באשיצן ווייל די איז נישט געטאן געווארן ווי געהעריג (ס' מ' שלמה, מובא גם בהערות לקול אלי', ובהערות לאהב"ח ע"ש).

★ ★ ★

## ענף ד
## דינים פון באגלייטן

### שיעור פון באגלייטן:

א) א רבי פאר זיין תלמיד ביז נאכן עק שטאט, איינער פארן חבר ביזן תחום שבת, א תלמיד פאר א רבי׳ן ביז א פרסה, א רבי מובהק דריי פרסה (סוטה מו: רמב״ם ה׳ אבל פי״ד, זע אויבן ענף א׳ או׳ ב׳ באריכות).

ב) די אורזאך פארוואס היינט פירט מען זיך נישט אזוי? ווייל מען איז מוחל אויפן כבוד (ילקוט מהר״ש, ד״מ חו״מ תכ״ז סמ״ע שם), און כאטש אין די גמרא זעט אויס אז מען טאר נישט מוחל זיין די מצות לוי׳ ווייל דאמאלס ווערט ער באטראכט ווי א שופך דמים ח״ו, אבער אויף דעם גרויסן שיעור פון באגלייטן קען ער פארציכטן (אהב״ח פ״ב בהג״ה).

ג) א צווייטע טעם: ווייל היינט פארט מען נאר אין א וואגן, און נישט אליין (ערוה״ש חו״מ תכ״ו) [זע ווייטער].

ד) נאך א טעם קען זיין: אז דער עיקר איז אלעס געזאגט געווארן ווען מען פלעגט פארן דורך פעלדער און וועלדער, און גאנץ לייכט איז מען אריינגעפאלן אין א סכנה פון חיות און רויבער, אבער היינט צו טאג וואס די וועגן זענען באוואוינט און באצייכנט איז נישט אזוי הארב (אהב״ח שם מס׳ עיון יעקב), דאס איז אלס נאר גוט פאר א לימוד זכות וואס די וועלט האלט גרינג די שיעורים פון די חז״ל, אבער ח״ו זיך צו פטר׳ן גענצליך פון באגלייטן, ווייל אין די גמרא זעט אויס אז דאס איז א סגולה אז קיין שום אומגליק זאל נישט פאסירן אויפן וועג (אהב״ח שם).

בפרט ווי מען ווייסט קען נאך היינט מיט די אלע נייע ערפינדונגען פון פארן אדער פליען זיין מיט געוויסע פרטים א גרעסערע סכנה ווי אמאל וואס אלעס איז באשטאנען פון בלויז פערד און וואגן, דעריבער איז קיין קלער נישט אז היינט זאל ווייניגער אויספעלן באגלייטן ווי אמאל, דערצו וואס מען הערט לײדער גאנץ אפט פארשידענע שוידערליכע וועגן טראגעדיעס, ה׳ ישמרנו (המחבר, ועי׳ נימוקי או״ח סי׳ ק״י כעי״ז, ע״ש).

ה) וואס איז דער מינימאלער שיעור פון באגלייטן? כאטש פיר איילן (סוטה מו: רמב״ם, ד״מ, סמ״ע שם), וואס דאס מיינט ״אכט פיס״ (זעקס און ניינציג אינטשעס), פיר הונדערט אכציג (480) (צ״מ).

ו) טייל פוסקים דרוקן זיך אויס, מען זאל באגלייטן ביז צום טויער אדער וויינינגסטנס פיר איילן (ילקוט מהר"ש, מובא בד"מ וסמ"ע שם, ובהג"ה אהב"ח).

ז) דער של"ה (מס' חולין) ברענגט אין נאמען פון חזקוני: אז דער באגלייטער דארף שטיין און קוקן ווילאנג דער גייער ווערט פארהוילן פון זיינע אויגן, (וכ"כ בקש"ע ס"ח, דרכי צדק, ותו יהושע, ע"ש).

עס איז ראטזאם אז דער באגלייטער זאל וויסן ווי יענער פארט, און דאס אינזינען האבן בשעת'ן באגלייטן (תו יהושע).

ח) דער וואס האט נישט קיין באגלייטונג זאל ער לערנען תורה ווער דאס זיין פאר אים א שמירה (עירובין נד, סוטה מו:), אבער לכתחילה דארף מען זיך משתדל זיין צו האבן באגלייטונג (שע"ת ק"י, סי' יעב"ץ, קש"ע ס"ח), אויב מען לאזט נישט דעם חבר ער זאל אים באגלייטן הייסט ער א שופך דמים ח"ו (סוטה שם עפ"י שלחה"ט שער הכנ"א פ"י ע"ש).

ט) דער הויפט חלק פון באגלייטן איז צו ווייזן דעם ריכטונג ווי מען דארף צו גיין אנצוקומען דעם געווינטשענעם ארט (סוטה שם, מהרש"א שם, אהב"ח).

י) נאך א וויכטיגן פונקט איז מיטצוגעבן עסן פארן רייזנדער (עי' פסחים קי"ג), ווייל צוליב דעם וואס מען האט פארפעלט דאס צו טאן זענען אויסגע'הרג'ט געווארן א גאנצע שטאט מיט כהנים (סוטה שם, בעלי התוס' פ' שופטים, אהב"ח פ"א וב', קש"ע ס"ח, ערוה"ש תכ"ו). אברהם אבינו האט אויפגעבויט גרויסע פאלאצן אויף די וועגן פאר אורחים און אריינגעשטעלט דארט עסן און טרינקען (סוטה י, אדר"נ פ"ז, אהב"ח פ"ב), מיט דעם איז מען אויך מקיים די קבלה פון הגה"ק מהר"ם מרימוניב זצ"ל אז מען זאל נישט אהיימקומען הינגעריג כדי מען זאל זיך נישט בייזערן דורך דעם אויף די שטוב מענטשן (אגרא דכלה פ' וישב, דברי שיר בהשמטות לוירא).

יא) בשעת'ן באגלייטן זאל מען זאגן ברכת כהנים פון "יברכך ביז שלו'" (אורחות חיים, חיד"א בדבש לפי מער' ל, או' ט', אגרא דפרקא ר"ב), דער חיד"א זאגט דעם טעם ווייל אלע ברכות זענען געגעבן געווארן מיט א תנאי אויסער ברכת כהנים. הגה"ק מדינוב זצ"ל שרייבט אז דער מקור איז פון זוה"ק תרומה (ועי' קו' גנזי יוסף לר"י הכהן שווארץ או' ב').

יב) באגלייטן איז א סגולה אויף פארן באגלייטער, אזוי שטייט אין ירושלמי סוטה, בעלי התוס' פ' שופטים, כנה"ג סמ"ע תכ"ז (לוי"ה ר"ת ל'חיים ו'שלום י'לך ה'אורח — ה'מלוה י'שוב ו'ילך ל'חיים).

יג) דער רייזענדער טאר נישט זאגן פאר די באגלייטער זיי זאלן שוין צוריק גיין, נאר זיי זאלן אליין צוריק גיין ווען זיי ווילן (ס׳ מעבר יבק, דרכי צדק בשם הגה״ק מהרי״ם מזלאטשוב זצ״ל, ליקוטי צבי שמה״נ נ״א, שלחה״ט), די סיבה איז ווייל דאס באגלייטן ברענגט אז די שכינה הק׳ זאל זיך מדבק זיין אין אים, דעריבער איז שעדליך צו הייסן צוריק גיין (שלחה״ט), דעריבער איז די איינציגע וועג צו זאגן פארן באגלייטער אז ער וויל אים נישט מטריח זיין מער (שלחה״ט הנהגות האדם).

יד) דער תולדות יעקב יוסף פ׳ יתרו זאגט א וואונדערבארע עצה, ער זאל זאגן פארן באגלייטער אז די הלכה איז דאס מען טאר נישט זאגן פארן באגלייטער, ער זאל צוריק גיין, דורכדעם וועט ער פארשטיין וואס מען מיינט.

טו) דער וואס געזעגנט זיך פון חבר זאל זאגן ״גיי לשלו׳״ (אדער ווי טייל זאגן לחיים ולשלו׳), אבער נישט ״גיי בשלו׳״ (סוף ברכות, ע״ש בר״ן, ובתפא״י סופ״ב דר״ה, טעם לשבח, וע״ע פני מבין ס״ט, מעגלי צדק עה״ת פ׳ ויצא, תפאר״י שם, פלא יועץ, שמירה).

טייל האלטן אז עס שאדט נישט נאר פאר דעם וואס איז מקפיד (ר״ן סוף מו״ק, והמגי׳ במחזור ויטרי בשם ס׳ כתנות פסים), דעריבער דארף מען אכטונג געבן לכתחילה נאר צו זאגן ״לשלו׳״ און אויב עס האט געטראפן דאס מען האט געזאגט ״בשלו׳״ זאל מען זיך נישט ווייסנדיג מאכן און עס וועט זיכער נישט שאדן (ל״מ).

טז) מען דארף געווארנט זיין מען זאל נישט באגלייט ווערן פון א רשע (אגרא דכלה, בשלח).

יז) נאך דארף מען געווארנט זיין, מען זאל זיך נישט אפגעזעגענען מיט געוויין ווייל עס איז ל״ע א סכנה (ס׳ זכירה) [זע ווייטער].

יח) נאך שטייט אז דאס איז אן אלגעמיינע פליכט, ווען מען זעט א איד גרייט אפצורייזן דארף מען אים באגלייטן כאטש פיער איילן (יוסף אומץ תמ״ה)).

יט) א שטארקע סגולה דאס דער וועקפארער זאל נישט געשעדיקט ווערן ביז ער זעט נאכאמאל דעם באגלייטער, אז ווען דער באגלייטער וויל שוין אהיימגיין זאל ער זיך אויסדרייען מיטן ריקן צום ריכטונג וואס מען איז געפארן דארט און זאגן ״שדה״ צוריקדרייען, נאכאמאל אויסדרייען און זאגן ״שדה״, נאכאמאל דאס זעלבע, צום דריטן מאל, און דאסמאל זאגן ״השדה״ וואס באטרעפט פונקט וויפיל שד״י, דערנאך זאל מען זיך אומבאדינגט נישט

צוריקדרייען מער מיטן פנים צום ריכטונג פונעם פארער (שבט מוסר פל"א).

כ) מען דארף באגלייטן מיט שמחה (דבש לפי להחיד"א).

כא) ווען מען באגלייט זאל מען זאגן "הנני רוצה לקיים מצות לוי' שהוא מכלל מ"ע והלכת בדרכיו [ואהבת לרעך כמוך, להרמב"ם] לשם יחוד כו'" (שלחה"ט שם).

כב) די חז"ל זאגן מען זאל זיך געזעגענען מיטן חבר שמועסנדיג א דבר הלכה (ברכות ל"א עירובין ס"ד) (עי' דברי יחזקאל טעם נאה בשם הגה"ק מהר"י מבעלז זצ"ל, ומעצמו זצ"ל, ועי' ליקוטים באוהב ישראל, ובשו"ת מור ואהלות אהל ברכות והוצאות סוסי' ל"ט אגד"פ בשם הגה"ק מפשעווארסק זצ"ל).

כג) מען גייט נישט אונטערוועגנס צוזאמען מיט עמי הארצים (פסחים מט:) אזא עם הארץ וואס איז א כופר להכעיס ליגט אן איסור צו גיין מיט אים (תפארת שמואל פת"ע).

כד) אן אינטערעסאנטע ערצעהלונג וואס דער בעלזער רב הגה"ק מהר"י זצ"ל האט דערציילט: דער בעל נועם אלימלך זצ"ל איז אמאל געווען אונטערוועגנס, ארויספארנדיג פון שטאט, זענען אלע שטאט מענטשן נאכגעגאנגען באגלייטן דעם וואגן, פלוצלינג איז דער ר"ר אלימלך אראפ פון וואגען און אויך אנגעהויבן נאכגיין מיט אלע מענטשן, אויף די פראגע פון די פארזאמלטע וואס איז דער כוונה פון אראפגיין, האט ער געענטפערט אז צוזעהנדיג דאס גרויס התלהבות בענין מקיים זיין מצות לוי' האט ער באשלאסן אראפצוגיין פון וואגן כדי זיך איינצושליסן מיטן כלל מיט די מצוה (עשר צחצחות מער' הנ"ל).

כה) דעריבער טייערע ברידער זייט נישט נאכלעסיג אין די מצוה וואס ברענגט נאבעלע רעזולטאטן אויף די וועלט, און אויף יענע וועלט, און ווען עס מאכט זיך א געלעגנהייט לאזט דאס נישט ארויס, ווייל דאס נישט מקיים זיין איז אויך זייער הארב, דעריבער ווען מען זעט אידן אוועקפארן ערגעץ, כ"ש פון זיין שטוב זאל מען באגלייטן כאטש פיר איילן, דאס גלייכן ווען די בני בית אדער איינער פון די אייגענע שטוב מענטשן פארן זאל מען נישט פארגעסן צו באגלייטן, אפילו ווען א קינד פארט אין חדר זאל מען אים אויך באגלייטן.

דאס זעלבע דארפן געווארנט זיין, אלע וואס פארן אוועק, זיי זאלן אראנזשירן דאס כאטש איינער זאל זיי באגלייטן אפילו די אייגענע משפחה איז אויך גענוג.

גלייכצייטיג זאל מען אויסלערנען אין שטוב די וויכטיגקייט פון דעם, וואס איז פאר זיי אויך א נפקא מינה, דאס גייט אן ביי פרויען ווי ביי מענער, און עס איז טאקע גוט צו געוויינען איר זי זאל באגלייטן דעם מאן יעדן טאג ווען ער פארט אוועק, דאס זעלבע די קינדער אין חדר, די קינדער זייערע עלטערן א.א.וו.

כו) דער נועם אלימלך פ' בשלח שרייבט: אז דער תועלת פון באגלייטן באשטייט אין דעם וואס דער באגלייטער ווערט צוגעבונדן צום פארער און זיי ווערן ווי איינס אזוי ארום שיצט דער באגלייטער מיט זיין לערנען, דעם רייזנדער, ווייל עס ווערט אין הימל אנגענומען פונקט ווי ער וואלט אליין געלערנט, אבער אז א לידיגער מענטש באגלייט האט דאס נישט קיין ווערט, און דער פארער דארף זיך אליין שטארקן אין לערנען.

כז) דער חיד"א שרייבט: דער וואס באגלייט איז פונקט ווי ער וואלט מקיים געווען די גאנצע תורה (חומת אנך פ' וידא).

## פרק ב
## נאך פארשידענע סגולות פאר שמירה און הצלחה

פארווארט: עס זענען פארהאנען פארשידענע טייערע סגולות פון די גדולים און צדיקים, איידער מען לאזט זיך ארויס אין וועג, נאר צוליב דעם וואס עס איז אזוי צו־ווארפן אין די ספרים האט מען נישט קיין צייט אויפצוזוכן, און אפילו מען האט אביסל צייט דערמאנט מען זיך שווער ווי זיי שטייען געשריבן, דעריבער לתועלת הרבים, וואס ווי באוואוסט איז דאס ארומרייזן היינט צו טאג הונדערט גראד העכער ווי אמאל, און די סכנות זענען אויך שכיח לײדער, האבן מיר צוזאמען געקליבן פארשידענע וויכטיגע נוצבארע סגולות פון הייליגע קוועלן, אזוי נאך קען מען מיט א קארצע בליק זיך אויסקלויבן עטליכע קורצע סגולות, וואס פארזיכערט מיט זיכערע שמירה בעזה"י, און א גרויסע טייל קענען דורכגעפירט ווערן טאג טעגליך אפילו ווען איר פארט אדער קומט פון די ארבעט. יעצט חשוב'ע ברידער, קלערט אריין, מענטשן צאלן אסאך געלטער פאר מעדעצין אז זיי זאלן זיך גוט שפירן אינטערוועגנס, כאטש דאס איז בלויז א צייטווייליגע זאך, כ"ש שמירה וואס דאס איז א לעבנספראגע וויפיל מענטשען זענען אוועק פון דערהיים פריש און געזונט, און זענען לײדער געשעדיקט געווארן פון רויבערס, רוצחים, האלד־אפס וועגן אומגליקן, עקסידענטס, אדער אנדערע צענדליגע טראגעדיעס, איבערלאזנדיג שטובער פארמעגן'ס כו' אן א בעל

הבית, איז דען נישט כדאי זיך איינצופירן עטליכע פון די סגולות וואס די גדולים וקדושים זאגן עצות און פארזיכערן אז קיין שום שלעכטס וועט נישט פאסירן פארן מענטש.

דעריבער האבן מיר געפינען פאר וויכטיג אנצונעמען די שווערע ארבייט פון צוזאמענקלייבן פארשידענע סגולות (וואס קען געטאן ווערן) און איבערזעצן אויף היימיש אידיש אז אנשים נשים וטף זאלן זיך קענען מיט איר באנוצן, און אפילו מיר זאלן וויסן אז דאס האט מציל געווען איין אידיש נפש האט שוין געלוינט דאס גאנצע.

ע"כ איז אונזער חוות דעת אז דורכקוקן בלויז איז נישט גענוג, נאר צו דעם איז וויכטיג אז יעדע סגולה וואס מען טרעפט און מען קלערט דאס פאר גרינג און פראקטיש דורכצופירן, זאל מען דאס איבערשרייבן פאר זיך אויף א שטיקל פאפיר, און זיך צוגעוויינען דערויף.

פארגעסט נישט! עס איז כמעט נישטא אזא אקטועלע סגולה ווי די פאר שמירה, וואס לויטן היינטיגן סטאנדארט פון לעבן עקזיסטירט כמעט נישט איין אידיש נפש, וואס פון א פאר טאג נאכן געבארן ווערן זאל עס נישט זיין אונטערוועגנס אמאל א קורצע וועג אמאל א לאנגע, איינער מער איינער ווייניגער, אבער שמירה פארלאנגט זיך יעדע מינוט.

און עס איז טאקע צום באדויערן אז אסאך מענטשן זענען נאכלעסיג פון זאגן "תפלת הדרך" דארט ווי מיר ווייסן לעבעדיגע פאקטן אז דאס האט גורם געווען געוויסע סכנות, אמת אז טייל פלעצער איז דא חילוקי דיעות ווען זאגן תפלת הדרך אויב מען איז מחויב, אויף דעם אבער האבן מיר דאך אן עצה צו ענדיגן "ברוך אתה שומע תפלה", דעריבער זייט פארזיכטיג, און פרויען זענען אויך מחויב צו זאגן (לבוש"מ מהד"ת יור"ד ל"ה).

א קליינע ביישפיל פון א לייכטע סגולה איז צדקה, מזוזה, מען גיט אפאר פרוטות פאר צדקה און מען בעט דעם רבש"ע דאס אין זכות פון צדקה זאל מען מיט די גאנצע משפחה צוזאמען מיט כלל ישראל פארן און קומען בשלו', דאס זעלבע בעט מען ארויפלייגנדיג די הענט אויף די מזוזה (וואס העלפט נאר אויב עס איז כשר, זעלבספארשטענדליך).

א) עס איז א סגולה צו זאגן די פ' עקידה בעפאר מען פארט ארויס אויפן וועג (קב הישר פכ"ד).

ב) א סגולה נאכדעם ווי מען איז שוין ארויסער די שטאט זאל מען זיך פארנעמען בל"נ אז ווען מען וועט אנקומען צום געווינטשענעם ארט וועט

מען זאגן "נשמת כל חי" (כה"ח בשם קמח סולת, ס' זכירה, ס' עובר אורח בשם הג' מוהר"ר העשיל זצ"ל).

ג) דער יסוד יוסף הייסט זאגן פ' עקידה און אנא בכח.

ד) דער שבט מוסר (פל"א) לייגט צו אויך דעם פסוק "וירדו כל עבדיך אלה אלי"

ה) עס איז מקובל פון רמב"ן צו זאגן 18 מאל "ושם בת אשר סרח".

ו) מען זאל ארויפלייגן די האנט אויף די מזוזה און זאגן "בשמך טל אטלה, ד' ישמר צאתי ובואי לחיים ושלו' מעתה ועד עולם" (מהרי"ל, ד"מ, ש"ך יור"ד רס"ה).

ז) איידער מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג זאל מען זאגן דעם פסוק מיט גרויס כוונה "אחרי ד' אלקיך תלכו וגו' ובו תדבקון" וועט מען געשיצט ווערן פון אלעם בייזן און באגליקן ווי מען וועט זיך קערן (ישועות חיים).

ח) מזוזה היט אויס פון אלע אומגליקן (טור יור"ד רפ"ה מדחז"ל), אין שבט מוסר (פל"א) שטייט א נוסח וואס מען זאל זאגן ווען מען קישט די מזוזה.

ט) עס איז א וויכטיגע סגולה מען זאל לערנען יעדן טאג אפאר קאפיטל תהלים מיט כוונה און הכנעה (ברכ"י ג', יעב"ץ, שע"ת, זכ"ל).

## שליח מצוה געלט

י) מען דארף געבן צדקה איידער מען פארט (שבט מוסר פל"א, קש"ע ס"ח).

יא) מען דארף זיך משתדל זיין צו זיין א שליח מצוה, דעריבער איז דער מנהג ווען איינער פארט ערגעץ דאס מען גיט מיט א מטבע צו געבן אויף צדקה ווען ער קומט אן אהין (קהלת שלמה, חוקי חיים, שבט מוסר), אויב ער באקומט נישט זאל ער נעמען א מטבע און מאכן א סימן דערויף, און זאגן ווען איך קום אן אהין וועל איך געבן די מטבע בל"נ צדקה לעילוי נשמת רמבעה"נ (קמח סלת).

מיר האבן אויבן געברענגט פון ס"ח אז עס איז בעסער און ראטזאם אויב נאר מעגליך צו געבן פארן ארימאן ברויט אדער עפעס אנדערש צו עסן, אויב ער שעמט זיך גיט מען אים געלט.

יב) דער ש"צ שרייבט: מען זאל זאגן זיבן מאל ויהי נועם, און ביי "כי מלאכיו יצוה לך" זאל ער איינזינען האבן די לעצטע אותיות, י'ו'ה'ך', כ'ל'ך',

ווייל די שמות היטן אפ דעם מענטש אונטער־וועגנס, און אין די געדאנקען זאל ער זיך אויסמאלן די צוויי מלאכים פון שמירה, דהיינו אז אויף זיין רעכטע זייט רייט א מלאך מורא׳דיג גרויס אויף א ווייסן פערד, מיט אן אויסגעצויגענע שווערד אין האנט, און אויף דער לינקער זייט גייט א מלאך צופיס מיט א שפיז אין די האנט, און דער וואס וועט דאס טראכטן ביז איך ערב אז ער וועט דעם גאנצן טאג נישט געשעדיקט ווערן אויפן וועג, און וועט גיין לשלו׳ ע״כ.

**מיטנעמען צו פארן**

יג) מען דארף זיך מיטנעמען ציצית אונטערוועגנס (ח״א קש״ע), עס איז פאסענד פאר יעדן יר״ש ווען ער גייט ארויס אויף א וועג מיטצונעמען זיין טלית און תפלין אפילו ער פארט אויף א נאהנטן פלאץ און וויל אהיים־קומען נאך דעם זעלבן טאג, טאמער וועט פאסירן א השתנות (טויש), ליידער זענען פאראנען אסאך וואס נעמען נישט מיט אפילו תפלין (וואס איז א חיוב גמור) פארלאזנדיג זיך צו בארגן פון אנדערע, זייער זינד איז אבער גרויס, ווייל סאך מאל טרעפט זיך אז ווארטנדיג אויף תפלין פארפאסן זיי זמן קר״ש ותפלה, און דער צווייטער מכשול איז, וואס מען איז נישט מקפיד אויב דער קשר פון תפש״ר איז געהעריג צוגעפאסט (מ״ב ק״י), און די וואס טוישן דעם קשר איז אויך נישט גלאטיג (עי׳ שו״ת אבני נזר קפ״ד־קפ״ד, כלי חמדה פ׳ וילך מד״א טעם להקל, ע״ש).

יד) ווען מען איז אונטערוועגנס זאל ער זאגן אין די שמונה עשרה ״ושבענו מטובך״ דארט איז מרומז דער שם פון שמירה י׳ו׳ה׳ך׳ איז די ס״ת פון ״פנו כו׳ מטובך״ (עט״ז סי׳ קי״ז).

טו) עס איז אויך א גוטע סגולה פאר שמירה אז דער וואס פארט אוועק ערגעץ זאל ווארטן מיט מעריב דאווענען ביז ער וועט אנקומען אהין (תו יהושע בשם יסוד יוסף ועוד, ויוסף אברהם או׳ נ״ד, ועי׳ שו״ת ריב״ש שנייטוך או״ח סי׳ ח, בית נפתלי סי׳ כ״ט, ועוד) אויב מען האט מורא דאס מען וועט פארגעסן צו דאווענען זאל מען דאווענען פריער (זכרון מנחם).

טז) א סגולה פאר די וואס פארן אויפן ים צו זאגן די תפלה פון יונה הנביא (סה״מ).

יז) דער וואס איז זיך משמח ביי א שמחה פון חתן וכלה ווען זיי גייען ארויס פון חופה ווערן נישט געשעדיגקט אונטערוועגנס (סה״מ להר״ן).

יח) עס איז גוט מקדש צו זיין די לבנה בעפאר מען פארט ארויס אויפן וועג, עס איז א סגולה ניצול צו ווערן פון סכנה (מדרש תלפיות).

יט) עס איז גוט צו לערנען איידער מען פארט ארויס אויפן וועג (של"ה, שבט מוסר פל"א, פח"ע ק"י).

## פרק ג

## זמנים פון פארן א נסיעה

א) דער אורחות צדיקים שרייבט אז דער וואס וויל זיך ארויסציען פון איין דירה צום צווייטן, אדער פארן פון איין פלאץ צום אנדערן זענען די טעג אין חודש גוט, ב, ד, ט, יא, טו, טז, יט, כא, כז, כט, אבער א, ג, כה, אין חודש זענען דירעקט נישט גוט, און דער וואס וויל היטן דעם זעהל זאל זיך דערווייטערן דערפון (שבט מוסר פל"א), אנדערע זאגן מען זאל געווארנט זיין פון א, ג, ה, פון חודש (פרי האדמה ח"א, בה' דעות, רוח חיים אר' ב), הגה"ק בעל ייטב לב, דערמאנט דעם מנהג לגבי פארן פון איין פלאץ צום אנדערן די דריי טעג, און פירט אויס אז דער וואס איז נישט מקפיד, דארף נישט חושש זיין (שו"ת אב"ד, יור"ד סי' מ"ד).

ב) אין שו"ע (יור"ד קע"ט) שטייט אז דער מנהג איז מען הייבט גארנישט אן מאנטאג און מיטוואך, אין מנהגי בעלזא ווערט געברענגט אז מען האט מקפיד געווען ביי חתונות א, ג, ה, פון חודש, און מאנטיג דאנערשטיג פון דער וואך.

אין ד"ת (הגה"ק ממונקאטש זצ"ל) שטייט אז מען האט מקבל געווען פון צדיקים מקפיד צו זיין ביי חתונות אויף א, ג, ה, אין חודש.

ג) אפילו מען קען מקיל זיין מאנטיג אבער דאנערשטיג זאל מען זיכער מקפיד זיין (שיורי ברכה ג, שם, וכ"נ ברע"מ פ' עקב דחמירא לי' יום ד', ע"ש).

ד) טייל זענען מקיל ר"ח ניסן (רו"ח אר' ב).

ה) טייל זענען מקיל מאנ. און דאנ. ביי א מצוה זאך (רו"ח בשם ס"ח), און דער וואס דארף ארויספארן די נישט מסוגל'דיגע זמנים זאל ער אינזינען האבן צו פארן טאן עפעס א מצוה, לויטן רמ"א (רמ"ח סעי' ד) איז פארן האנדלען אויך א מצוה, און זאל נישט טראכטן פון קיין קפידות וועט גארנישט זיין (ד"ת נ"ב).

[מיר ווילן ציטירן די מחלוקת פון די פוסקים וועגן חתונה מאכן סוף חודש, ווען מען מעג, פיליכט קען מען זיך אפלערנען דערפון וועלכע חדשים זענען גרינגער, כאטש מיר קענען נישט מדמה זיין ווייל מיר האבן

נישט קיין השגה אין די זאכן, בפרט ביי א סכנה פונדעסטוועגן דאן, דארט ווי מען האט א ברירה איז אפשר בעסער זיך אויסצוקלויבן די חדשים וואס זענען מזל׳דיגע לגבי חתונה מאכן, און דאס זעלבע ביי אלעם.

ו) דער גאון וקדוש בעל בני יששכר זצ״ל האט מתיר געווען חתונה מאכן גאנץ חודש אלול ווייל אלול זענען די טעג ימי רצון (נכדו בדכ״ת יור״ד קע״ט י״ח, ועי׳ סוגי׳ דגם דעת מט״א תר״ב או׳ הן נ׳ כן).

ז) עס איז דא וואס האלטן אויך אין חודש אדר (שד״ח מער׳ חו״כ בשם גאון א׳, ע״ש באורך, ערוה״ש אה״ע סי׳ ס״ד).

ח) עס איז דא וואס האלטן תשרי אויך (ערוה״ש בשם המנהג).

ט) עס איז דא וואס האלטן מען זאל קיינמאל נישט קוקן אויף גארנישט תמים תהי׳ וגו (ערוה״ש שם).

י) טייל זאגן אז די וואס זענען נישט מקפיד אדר און אלול איז ניסן דאס זעלבע ביז ספירה (שד״ח שם).

יא) פון די אנדערע זייט טרעפן מיר חדשים וואס מאנכע זענען מקפיד, טייל מאכן נישט קיין חופות גאנץ חשון (לב חיים סי׳ כ״ו, שד״ח שם), אין אונזערע מדינות האט מען נישט מקפיד געווען (שלחה״ע סי׳ ד).

יב) דעת הגה״ק מבר״א פון סטרעטין זצ״ל, והגה״ק מהר״י מריזין זצ״ל נישט צו מאכן גאנץ חודש תמוז, (ס׳ קול תודה דף ט״ז בהגה״ג, ועי׳ שו״ת מנח״א ח״ג ס״ו).

יג) טייל האלטן אז אלע חדשים זענען איינינג (שד״ח דעת עצמו, שם)].

יד) אין ספר הנהגות אדם, שטייט אביסל אנדערש (פון או׳ א׳ אויבן) מען זאל זיך אויסקלויבן ב, ד, ז, יא, טו, טז, יז, כ, כא, כט, די טעג זענען דירעקט גוט, א, ג, ה, דירעקט שלעכט די איבריגע טעג זענען נישט גוט, נישט שלעכט, ע״כ.

טו) ביי א דבר מצוה דארף מען נישט חושש זיין (ר״י בס׳ היראה).

טז) טייל זענען מחולק און זאגן אז אויב דאס ענדגילטיגע באשלוס צו פארן אבער אריבערציען אין א נייע דירה איז געווען אין א גוטע טאג ווערט עס באטראכט ווי ער וואלט דאמאלט אנגעהויבן פארן (הנהגת אדם).

יז) די זמן פון ספירה איז דירעקט א באגליקטע צייט צו פארן אויף א וועג (מנח״א ח״ד מ״ד).

עסצייג נישט (דאס איז שיחת חולין של צדיקים, און דודכדעם איז פארשטענדליך פארוואס חסידים האבן געגעסן מיט די הענט, און אשכנזים נישט), און כאטש די מדה איז געלערנט געווארן פאר אלע קלאסן מענטשן זענען אבער אורחים מער באויפטראגט דאס אויסצופאלגן כדי נישט צו ווארפן אן אום חן אין אויגן פון בעה״ב וואס וועט אים אויך זיין א טובה אויף שפעטער, און צונויץ קומען.

יט) די חשוב׳ע לייט פון ירושלים פלעגן נישט גיין צו קיין שום סעודה ביז מען האט אים צוויי מאל גערופן מורא האבנדיג טאמער איד דאס רופן געווען א טעות (מדרש איכה עה״כ בני ציון היקרים, ועי׳ גיטין פ״ה בעובדא דבר קמצא, מובא גם בס׳ יעבץ ובס׳ יפל״ל) און אזוי פירן זיך די געהויבענע מענטשן דאס טראצדעם וואס דער בעה״ב אליין האט זיי געלאדענט פערזענליך פונדעסטוועגן גייען זיי נישט אויב מען רופט זיי נישט נאכאמאל ווייל פילייכט איז דאס ערשטע איינלאדענונג געווען צוליב בושה (יפל״ל, כה״ת שם ע״ג).

כ) אויב מען האט געטרינקען פון א כוס און מען גיט דאס איבריגע פארן חבר דארף מען קודם אפווישן דאס פלאץ וואו מען האט געטרינקען דורך איר (שם סעי׳ כ״ב).

כא) אן אורח וואס ברענגט מיט קליינע קינדער, דאס גלייכן דער וואס גייט צו א סעודה מיטנעמענדיג די קינדער זאל אכטונג געבן זיי זאלן זיין אפגערייניגט די הענט און פנים, און נישט לאזן אליין נעמען פון טיש (נלמד מס״ח תתכ״ט, ע״ש).

כב) אזוי ווי עס איז פון גרויס וויכטיגקייט צו ריייניגן דעם קערפער אינערליך פארן עסן, סיי פון געזונטהייט שטאנדפונקט (שבת מ״א, רמב״ם ה׳ דיעות פ״ד, מ״א קנ״ז או׳ ג), סיי עפ״י סוד אז דאס עסן זאל גיין צו די צד הקדושה (זוה״ק פ׳ תרומה, רמ״ז, ס׳ הרש״ש, מ״א שם, כה״ח קנ״ז ד׳), דעריבער זאל מען זען דערצו אז דער אורח זאל וויסן דעם מקום הכנה, און טיילמאל פאסירט אויך אז ער קומט צו בל תשקצו (עי׳ סי׳ ג׳) צורך בושה).

כג) טייל זאגן אז ביים עסן זאל מען נישט רייכערן (יעבץ במור״ק, כה״ח למהרח״פ קנ״ה, חסל״א או׳ ה), און כאטש דער מנהג איז נישט אזוי פונדעסטוועגן איז דאס א וויכטיגע פונקט ביי די מצוה פון הכנסת אורחים, ווייל ווי באוואוסט פארטראגן אסאך מענטשן נישט דאס גערויך פון רויכערן אפילו אינמיטן טאג, און דאס קען גאנץ לייכט פארשלאגן דעם אפעטיט פון

אורח ע״כ אלס חלק פון די מצוה זאל מען פארמיידן פון רויכערן ביז נאכן עסן, ווען מען רופט אן אורח.

כד) עס איז א מיאוסע זאך אז אן אורח זאל ארייננעמען אן אנדערן אורח (ד״א זוטא ח׳, ב״ב צח:).

כה) פון די רייד פון מהרש״א (מו״ק ט.) קומט אויס אז ביי א סעודת מצוה אפילו מען עסט לשם אכילה גסה קריגט מען שכר (עי׳ שלחן העזר סי׳ ט, אר׳ ב׳) אנדערע האלטן אז אפילו ביי סעודות מצוה צ.ב.ש. שבת און יו״ט אויב מען עסט צופיל איז מען עובר דריי לאוין (של״ה דף פ״ד בשם ס׳ הגן).

כו) דער וואס ווערט ארייגענומען אין א שטוב דארף זיך דאס לעבן אהינגעבן פאר יענעם (מדרש תנחומא שמות).

כז) עס איז נישט קיין דרך ארץ צו עסן אלעס וואס ליגט אין טעלער ביזן סוף (ראשית חכמה פד״א, בא״ח בחקותי ע״ש).

כח) א פלאץ ווי מען איז איינגעשטאנען איין מאל זאל מען שטענדיג ראַרט איינשטיין (ערכין טז: או״ח ר״מ י״ג).

כט) אויב מען איז נישט הונגעריג אדער דורשטיג אבער דער בעה״ב מוטשעט פארט מען זאל עסן דארף מען נישט פאלגן (מ״ב ק״ע).

ל) עס איז א ד״א אז דער אורח זאל איבערלאזן קליניקייטן פארן גאסט הייזער (יומא י״ב).

לא) אפילו ווען איינער עסט פאר זיך פריוואט דארף ער געווארנט זיין אז די טעלער׳ס, גלעזלעך, עסצייג זאלן זיין גענצליך ריין אזוי אויך די טעפ (של״ה הק׳ שער האותיות אר׳ ט׳), כ״ש ווען עס איז דא אן אורח אודאי.

לב) א גוטער אורח זאגט אלעס וואס דער בעה״ב פלאגט זיך האט ער געטאן פאר מיר! א שלעכטער אורח זאגט אז דער בעה״ב האט גארנישט געטאן דירעקט לכבוד מיר, נאר פאר זיין משפחה, און איינוועגס האט ער מיך אויך מקרב געווען (ברכות נח).

לג) מען דארף אכטונג געבן נישט צו זיין צי א גרויסער עניו און זיך אויסקלויבן דעם נידעריגסטן פלאץ ווייל דאס גופא איז גאוה, נאר מיטל־גאטונג נישט צו הויעך, נישט צו נידעריג (שבט מוסר פמ״ו).

לד) אפילו א גרויסער מענטש זאל זיך נישט צושטופן צו זיצן דוקא אויבנאן, ווייל דער זיץ מאכט נישט גרויס דעם מענטש, נארדער מענטש מאכט חשוב דעם פלאץ און אומגעגנט ווי ער זיצט (ס׳ יעב״ץ).

## ענף ב

א) דער וואס זאגט זיבן מאל למנצח בנגינות מזמור שיר, אויפן וועגן און האט אינזינען וואס ער זאגט וועט גיין מיט שלו׳ און הצלחה (שבט מוסר פל״א), און דער וואס זאגט דעם קאפיטל לויט די צורה פון מנורה (געדרוקט אין טייל סידורים) יעדן טאגביים זיין אויפגאנג וועט אים נישט פאסירן קיין שום שלעכטס, און ער ווערט פארעכנט ביי השי״ת פונקט ווי ער וואלט אנגעצינדן לעכט אין בית המקדש (שם).

ב) דער וואס זאגט ביי די מזוזה 11 מאל דעם פסוק עשה עמי אות לטובה מיט גרויס כוונה קען ער זיין רוהיג אז ער וועט נישט געשעדיגט ווערן בשום אופן, און ער וועט אנקומען צוריק אהיים בשלום (כוונת שלמה ד׳ צ״ה).

ג) מיר האבן אויבן דערמאנט דאס וויכטיגקייט מיטצוגעבן פארן אוועקפארער עסן אויפן וועג, מיר ווילן דא ברענגען אין קורצן אן ערנסטע עפיזאד וואס האט פאסירט צוליב נישט מיטגעבן געהעריג עסן, וואס דער מוסר השכל דערפון איז זייער גרויס און וויכטיג.

עס איז געווען א גאסט זייער א שעמוודיגער, מען האט אים מיטגעגעבן צדה לדרך (עסן אויפן וועג) זייער קנאפ, פרעגנדיג דערביי דעם גאסט אויב ער קלערט עס וועט גענוג זיין, דער אורח האט צוליב בושה געענטפערט עס איז איבערגענוג, און האט זיך געשעמט צו זאגן עס איז נישט גענוג, גוט מיר נאך! אזוי גייענדיג אויפן וועג מיט ווייניג עסן איז ער אריינגעפאלן אין א סכנה ווייל ער האט געדארפט מיט דעם ביסל עסן פארן א ווייטן וועג, און ממש נסים האט פאסירט דאס אידישע סוחרים זענען דורכגעפארן, און אים געברענגט צוריק אין שטאט, און ער איז ארויסגעהיילט געווארן (ימלט נפשו).

ד) דער וואס פארט אוועק, זאל ארויפלייגן די האנט אויף די מזוזה און זאגן דריי מאל נאכאנאנד בשם קל שד״י אצא, און נאכדעם וועט אים גארנישט שאדן (ס׳ מהלבו״ש).

יח) דער רמב״ם שרייבט אז אמאליגע צדיקים און חסידים האבן נישט געגעסן פון א סעודה וואס איז נישט זייערס (רמב״ם ה׳ דיעות פ״ה ה״ב) אריינגערעכנט א סעודת מצוה (יפל״ל ח״ה י״ט, זה״ח ק״ע ע״א).

די וועלט פארציילט אין נאמען פון איינעם פון די אנגעזעהנע צדיקים אז ער האט זיך אמאל אויסגעדריקט דעם טעם פארוואס ער עסט מיט די הענט נישט מיט עסצייג. ווייל זיינע הענט האט ער היינט פריש גע׳טובל׳ט די